STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01440

BAYNAKHT

Vladimir Galaktionovich Korolenko

Permanent preservation of this book was made possible
by Herman & Dina Brodsky
in honor of
Jacob & Anna Brodsky and Louis & Rose Konikof

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וו. קאראלענקא

ביינאכט

אידיש: י. וויינשטאט
רעדאגירט: פ. קאפלאן

פֿארלאג
„דאָס בוך"
ביאליסטאָק.

.1921

№ 27.

דרוק א. זבאר, ביאליסטאָק.

פארלאג
דאס בוך
ביאליסטאק

בײנאכט.

I.

ס'איז געװען ארום האלבע נאכט. אין צימער האָט זיך געהערט דאָס טיפע אָטעמען פון די שלאָפנדיקע קינדער.

אין װינקל פון צימער, אויף דער פּאָדלאָגע, איז געשטאַנען א מעדניצע. אויפן דעק פון דער מעדניצע איז געװען א ביסל װאסער און ס'איז געשטאַ א חלבנע ליכטל אין א לײכטער. די ליכט האָט זיך זײער צעשמאָלצן, דער קנײטל אירער האָט זיך פון אויבן באדעקט מיט א טונקעלער יארמלקעלע און פלעגט שטיל אונטערקנאקן. חוצדעם האָט נאָך אויף דער װאנט געקלאפּט אן אומרו, און אויף דער פּאָדלאָגע אינם באלױכטענעם קרײז, לעם דער מעדניצע, האָבן זיך באזוצט עטלעכע װאנצן. ארונטערגעמענדיק אונטער זיך די הינטערשטע לאפּקעלעך און פארדרײסנדיק די קעפּלעך אין דער הױך, האָבן זײ געקוקט אויפן פײער און באװעגט מיט די װאָנסעלעך.

אין דרױסן האָבן געהערשט װינט און רעגן.

דער רעגן האָט געקלאפּט אין דאך, אין די בלעטער פון סאָד, געפּליושקעט אין די קאלוזשעס. פון צײט צו צײט פלעגט ער זיך אײנרואיקן און פארטראָגן װערן װײט־װײט אין דער פינסטערער נאכט־טיפעניש, ס'פלעגט אָבער לאנג ניט נעמען, און ער פלעגט זיך מיט נאָך מער אימפּעט אָנטראָגן אויף דער שטוב, אָנהײבן נאָך מער װילדעװען, נאָך שטארקער קלאפּן אין דאך, שמײסן אין די לאָדנס, אזוי אז צײטנװײז פלעגט זיך דוכטן, אז ער רינט און פּליושקעט זיך שוין אין שטוב גופא... דאמאָלסט פלעגט דאָ װערן אומרואיק: דער אומרו, װאָס אויפן װאנט, פלעגט װי אנטשװיגן װערן,

די ליכט פלעגט זיך שיר=שיר ניט פארלעשן, פון סטעליע פלעגן זיך אָנהייבן
אראָפּלאָזן שאָטנס, די וואנצן פלעגן אויך ווערן אומרואיק און אָנהייבן גיך=
גיך באוועגן מיט די וואָנסעלעך און מכין זיין זיך ביי דער ערשטער געלעגנ=
הייט צו מאכן פליטה.

נאָר א זעלכע שטורעמדיקע ווינט=אטאקעס פלעגן ניט לאנג האלטן, דער
רעגן האָט, דוכט זיך, איינס פאר אלעמאָל ביי זיך באשלאָסן מער קיינמאָל
ניט אויפהערן, און אז דער ווינט פלעגט אים לאָזן צורו, פלעגט ער פארציען
זיין אייגענעם נודנעם זמרל, וואָס פלעגט זיך צוגיסן איבערן הויף, און איבערן
כּוֹד, און איבער דער געסל און ארויס פון דער געסל, עט ווייט=ווייט איבער
די וויסטע, ברייטע פעלדער... דער זמרל פלעגט זיך אייך אריינרייסן דורך
די שפּארונעס פון די פארמאכטע לאָדנס און פלעגט אָפּקלינגען אין צימער
דאָ ווי אן אומאויפהערלעכער הודושען, דאָ ווי א שטילער פליושק.

דאמאָלסט פלעגט דער אמרו ווידער א נעם טאָן זיך פעסט צו דער
ארבעט, און מיט א פארביסענער עקשנות אָפּקלאפּן קלאָר און דייטלעך איט=
לעכס קלאפּ זיינעם, די ליכט פלעגט שטיל אונטערקרעכצן, די וואנצן פלעגן
זיך בארואיקן, כאטשע די עקשנות פון רעגן פלעגט, ווי ס׳ווייזט אויס, אָניאָגן
אויף זיי א טיפע מרה=שחורה.

דאָס אלץ האָט געהערט אין צוגעזען פון אונטער דער קאָלדרע איינער
פון די צוויי ברידער, וועלכע האָבן געשלאָפן דאָ, אין באלויכטענעם צימער.
דעם עלטערן (מיט א יאָר עלטער פאר זיין ברודער) האָט מען גערופן וואסיע,
דעם יינגערן — מארק. אין דער משפחה איז געווען א מנהג געבן איינער
דעם אנדערן צונעמעניש. וואסיע האָט געהאט זייער א גרויסע קאָפּ, מיט
וועלכער ער פלעגט גאָך גאָר קליינערהייט בוקען זיך אָן פאָדלאָגע, דערי=
בער האָט מען אים איבערגערופן בעל=מוח. מארק איז געווען ניט קיין שיי=
נער און פלעגט קוקן פון אונטן א רוף; אים האָט מען געקרויגט מיטן צונע=
מעניש: מאָרדעלע.

מאָרדעלע איז זיך זיס געשלאָפן, נעמי=מוח אָבער האָט זיך שוין א האלבע מינוט צוגעהערט צום גערויש פון רעגן.

ער איז געווען א גרויסער בעל=דמיון און פלעגט זיך אָפט פארקלערן וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט, בשעת אלע שלאָפן: ניט ער, ניט מארק, ניט די מיידלעך, ניט די אלטע ביאניע — קיינער, הייסט עס, קוקט ניט... וואָס זשע איז? שוין זשע בלייבט דער צימער, ווי געווען, ווי שטענדיק? און דער אומרו? ער האלט טאקע רק אין איין קלאַפּן, כאָטש קיי= נער הערט אים ניט? און די ליכט לייכט זיך אלץ אזוי, כאָטש ס'איז ניטאָ פאר וועמען? און די וואנצן? זיי האלטן טאקע רק אין איין זיצן אויף דער פּאָדלאָגע און קוקן אויפן פייער?.. ניט איינמאָל שוין אויפכאפּנדיק זיך מיט אָט דעם געדאנק, פלעגט ער פּאַוואָלינקע, בגנבה, כאפּן א קוק פון אונטער דער קאָלד= רע ארויס... איצטיקס מאָל האָט ער גאָר אליין ניט באמערקט, ווי ער האָט זיך אויפגעכאפּט, און אים האָט זיך געדוכט, אז אָט=אָט וועט ער סוף=כל=סוף א פאק טאָן דעם צימער גאָר אומגעריכט. שוין א האלבע מינוט, ווי ער איז אויף און קוקט, ניט רירנדיק זיך פון אָרט, מיט האלב אָפענע אויגן, און אין צימער פליסט זיך א מין גאָר באזונדערער, סודותפולער לעבן, וואָס כאפּט און באהאלט זיך, ווי נאָר מ'טוט א קוק אויף אים.

אלץ איז דאָ לעבעדיק, אויסטערליש און מאָוימדיק. אינדרויסן וואַרפט זיך צאָרנדיק דער רעגן, אזוי ווי קעמפּנדיק מיטן ווינט; דער אומרו פאר= הערט זיך מיטן גערויש פון רעגן; די ליכט קרעכצט טרויעריק אונטער; די וואנצן קוקן קלוג און ערנסט, פונקט ווי זיי וואָלטן אָקאָרשט זיך געהאט אדורכגעשמועסט צווישן זיך און געקומען צום הסכם, אז דער מצב פון דער ליכט איז באמת א טרויעריקער. און אז דער רעגן גיט אָן מעשים גאָר אומ= זיסט. הוצדעם האָט וואסיע נאָך ארויסגעזען, אז זיי אלע, דער גאנצער צימער מיט אלץ, וואָס אין אים, קוקן מיט רוגזא אויף די קינדער, וועלכע שלאָפן זיך רואיק אין זייערע בעטלעך און ווייסן קיין מעשה ניט.

ס'איז אָבער געווען דאָ נאָך עפּעס, דאָס משונהדיקסטע, וואָס בעל־מוח האָט בשום אופן ניט געקענט תּופס זיין. און אז ער האָט אינגאנצן גע־עפּנט די אויגן און זיך א דריי געטאָן, — איז אלץ פּלוצלונג נעלם געוואָרן.

דער אומרו האָט אָנגעהויבן קלאפּן שטילער און אָן א שום מיין, די ליכט האָט גאָר פּנוט אז טערגעקנאקט, שוין נישט געקרעכצט; דער צימער האָט זיך גנכ פט און אָנגענומען זיין פּשוטן וואָכעדיקן פּרצוף.

פונדעסטוועגן האָט בעל־מוח געפילט, אז דאָ איז עפּעס פּאַרט ניט, ווי ס'באדארף צו זיין... אין אים אליין, צי אין צימער און אפשר פון גערויש. א? נאָכאמאָל! ניין! ס'איז גאָר א פּשוטער רעגן, ער רעשט גאָרניט אזוי שטארק; אָט מורמלט ער זיך אונטער פויל און אומקלאָר. עפּעס ריינט און קאפּעט, ריכטיק ווי עמיצער וואָלט וויינען הינטער דער וואנט און עמיצנס קרעכצן זאָלן זיך ארומטראָגן איבער די ביימער פון גאָרטן... און אין גאָרטן איז איצט אודאי פינסטער צווישן די ביימער, און אין דער ביידל, וואָס אין גאָרטן, וואָלט איצט קיין איין מענטש זיך ניט אונטערגענומען ארייננצוגיין, איצט, נאָך האלבע נאכט, בפרט נאָך אין רעגן... מארק האָט זיך אפילו אנומלטן גערימט, אז ער וואָלט אהין אריין, אויב מ'זאָל אים נאָר דערלויבן... נאָר דאָס אויך, פארשטייט זיך, ניט אין אזא אומהיימלעכער, שטורעמדיקער נאכט...

וואסיע האָט אזש א ציטער געטאָן, איבער זיין פלייצע זיינען דורכגעלאָפן מוראשקעס, ער איז צוגעפאלן צום קישן און זיך איינגענורעט מיטן קאָפּ אין דער דעקע.

און עס דוכט זיך אים, אז ערגעץ אין וואנט, אָדער הינטער דער וואנט, אָדער גאָר אונטער דער פּאָדלאָגע קומט פאָר עפּעס א מאָדנע באווע־גונג און א ריידעריי. ס'הערן זיך משונהדיקע קולות און א רוישן פון טריט.

וואָס קען עס זיין? ער האָט ארויסגערוקט די קאָפּ, כדי דייטלעכער צו הערן, נאָר די קלאנגען זייגען פּלוצלונג צורונען געוואָרן. אים האָט זיך אויס־

געוויזן, אז ווען ער וואָלט געוואוסט, וואָס דאָס איז, וואָלט ער אויך פאַר־שטאַנען, פאַרוואָס אלץ איז אזוי משונהדיק. נאָר ער האָט פארגעסן און קען זיך בשום אופן ניט דערמאָנען, ווייל געחלומט האָט זיך אים גאָר עפּעס אנדערש.

דאָ איז ער שוין געוואָרן אומרואיק.

— ווייסט, מארקעלע, וואָס איך וועל דיר זאָגן? — האָט ער בּגנבה זיך געווענדעט צום שלאָפנדיקן ברודער.

מארק האָט אים געענטפערט מיט א לאנגן כראָפּ.

II.

אין קינדערצימער האָבן עקזיסטירט געוויסע מנהגים. נאכט און נאכט, א זייגער איינס, פלעגן זיך די יינגלעך אויפכאפּן און זיך צונויפקומען ביי דער מעדניצע מיט דער ליכט. דאָס איז געווען א מין נאכט־קלוב, וועלכן ס׳פלעגן אמאָל אויך באזוכן די מיידלעך. די לעצטע פלעגן דאָ אָבער זיין זייער זעל־טענע געסט. פאר די מיידלעך פלעגט נאָך ניט זיין גענוג זיך אויפכאפּן צו דער צייט, זיי פלעגט נאָך מוזן אָפּגילטן צו אָפּנארן דער אלטער ניאניע, וועלכע האָט געהאט זייער א לייכטן שלאָף און וועלכע פלעגט שלאָפן צו־זאמען מיט די מיידלעך אינם שכנישן צימער. פלעגט זיך זיי אָבער אמאָל דאָס יע איינגעבן, פלעגט דאן די עלטערע, אָפּט מיט דער הילף פון די ברי־דער, ארויסנעמען פון בעטל דער יינגסטער שורעלען און ביידע, זיך זשמו־רענדיק און רייבנדיק די אייגעלעך, פלעגן זיך באווייזן אין טיר און צולויפן צום פייער פון דער ליכט. די וואנצן פלעגן זיך דאמאָלסט אינגאנצן אָפּטראָגן פון דער מעדניצע און פלעגן פון ווייטן, בייז און אָנגעדרודלט, קוקן מיט רוגזא אויף די קינדער, וועלכע פלעגן, געגוי ווי זיי, ארויסקריכן פון די ווינקלען און פארכאפּן זייער פלאץ.

און דאמאָלסט פלעגן זיך פארציען לאנגע און זייער אינטערעסאנטע שמועסן. קיינמאָל פלעגט זיך די קינדער אזוי חבריש און געשמאַק ניט

ריידן. די שפּעטע און שטילע נאַכט־שעהן פלעגן, דוכט זיך, צוגעבן ד...
מוּעס דעם באַזונדערן רייץ פון א פאַנטאַסטישער אומקלאָרקייט, א...
מענס דאגה, טאָמער וועט די ניאַניע, חלילה, דערהערן און זיך
האָט פון די ייִנגלעך און מיידלעך געמאַכט א מין ענגן קרייז פון פאַ...
רער.

אגב, פלעגן די מיידלעך ריידן זייער ווינציק: זיי פלעגן מיטכאַפּן מיט
זיך קאָלדרעס, לאַקנס, קליידער — און אַלץ אַרויפשלעפּן אויף זיך, אַבי ווי.
די עלטערע פלעגט העלפן דער ייִנגערער, און די ייִנגערע פלעגט איר
פאָלגן אָן שום טענות. וואָס משונהדיקער די פאַרקליידונג פלעגט אויסקומען,
אַלץ מער שמחה פלעגט זי אַרויסרופן ביי די קינדער. און אז ס'פלעגט זיך
גאָר איינגעבן מיטשלעפּן דער ניאַניעס שיך און איר רויט־באַבלמטע קאָפּ־
פאַטשיילכל — פלעגט זיין ששון ושמחה, די יונגע מיידלשע הערצלעך פלעגן
זיך ממש צאַפּלען פון תענוג און פון שטילן אָנקוקן זיך. ס'איז טאַקע כדאי
געווען אָנצוקוקן דער קליינער שורעלען מיט די גרויסע, מגושמדיק־גרויסע
קאַמאַשן אויף די פּיטשינקע פּיסעלעך און מיט דער פאַנטאַסטישער פאַט־
שיילכל אויפן קעפּל, וואָס פלעגט זיצן מאָדנע ערנסט און שווייגעדיק, בעת
די עלטערע מאַשע פלעגט איר באַכקרימען און מאַכן משוגענע העוויות. זי
פלעגט פאָרשטעלן מיט זיך א גרויסע דאַמע, און די ייִנגלעך אין די הויל־
העמדלעך זיינען עס געווען אירע קאַוואַלערן אין פראַקן.

די אַלטע ניאַניע האָט לאַנג מלחמה געהאַלטן מיט אָט דעם מנהג, זי
האָט אים אָבער ניט געקענט מנצח זיין. נאָך א גאַנצער ריי צוזאַמענשטויסן
זיינען ביידע צדדים געקומען צו אזא מין שטילן הסכם: קיינער האָט ניט
געטאָרט אויפוועקן דעם אַנדערן; האָט זיך אָבער יענער אַליין אויפגעכאַפּט,
פלעגן די ייִנגלעך זיך קענען צונויפקומען ביי דער מעדניצע, נאָר מיטן באַדינג:
זיך האַלטן רואיק. מיט די מיידלעך אָבער איז דער ענין געווען א סך שווע־
רער: דערהערנדיק דעם קלענסטן געוויש אין די קינדערשע בעטלעך, פלעגט
די ניאַניע, ניט געבנדיק זיך קיין מי אפילו איינגאַנצן זיך אויפכאַפּן, א כאַפּ טאָן

דער ליפערקע אין אוועקלייגן איר צוריק. דאָס האָט געהייסן פאַרשפּילט; [illegible] זיך א צווייטן מאָל איז געווען ניט איינגעפירט; די געכאַפּטע פלעגט [illegible] איינשלאָפן.

פלעגט אָבער דער ליפערקע געלינגען אראָפּקריכן אויפן פּאָדלאָגע און זיך צו כאַפּן צום שוועל — איז שוין געווען פאַרפאַלן; די ניאַניע פלעגט מוזן נאָכגעבן. טאָמער האָט זי געפּרובט איר נאָכיאָגן, פלעגט זיך אויפהייבן א שרעקלעכע יללה: די יינגלעך פלעגן אויפשפּרינגען און לויפן צו הילף, שרייענדיק, אז מאַניע איז שוין געהאַט אריין צו זיי אין צימער, אז די ניאַניע האָט שוין דעריבער „קיין רעכט ניט" א. א. וו.. ס'פלעגט דאַמאָלסט אנטשטיין א שרעקלעכע האַמפּערניש, און ביידע צדדים פלעגן זיין אין דער סכּנה פון אן אריינמישונג פון אויבן. שלעכט איז געווען, ווען דער רעש פלעגט דערגיין צום טאַטן. נאָר ווען די מאַמע אליין פלעגט דערהערן א גערודער אין קינדערצימער, פלעגט זי שוין אויף מאָרגן שיקן נאָך די קינדער און דער ניאַניע.

— וואָס איז שוין דאָרטן ביי אייך ווידער געווען? — פלעגט זי פרעגן מיט גרויס אמוצופרידנקייט, וואָס פלעגט אלעמען מער קרענקען, ווי דעם טאַטנס צאָרן. — איר זאָלט זיך מער קיינמאָל דערוועגן צונויפקלייבן זיך ביי דער ליכטל! — פלעגט זי זאָגן די קינדער און באַלד צו דער ניאַניע — און שטענדיק דו... אלטע.

אָט די לעצטע ווערטער פלעגן עפּעס שטענדיק מאַכן צו נישט ביי די קינדער אין די אויגן דעם פריערדיקן איסור.

— נו, וואָס האָסטו אויסגעפירט, א־א־אלטע?! — פלעגן שטיל, נאָר מיט גאַל איר רייצן די קינדער, צוריקגייענדיק אלע אינאיינעם אין קינדערצימער. די ניאַניע פלעגט בייז מורמלען:

— אלץ איבער אייך, קונדסים!

— טאָ פאַרוואָס האָסטו איר געכאַפּט שוין ביי אונז אין צימער?

— א ליגן! כ׳האָב איר געהאַט געכאַפּט אין דער פֿינסטער, האָט זי זיך ארויסגעריסן.

— אָך, ניין, ניין! ניט אמת! — האָט הייס פּראָטעסטירט מאשע — כ׳בין שוין געהאַט געווען איבערן שוועל.

די ניאַניע פּלעגט זיך מוזן אונטערגעבן. זי האָט אליין אויך, זייענדיק פֿאַרשלאָפֿן, ניט גוט געדענקט, וואו זי האָט געהאַט געכאַפּט דער לויפֿערקע. בכלל פֿלעגט די אויספֿאָרשונג פֿירן שטענדיק צו דער איינמאָל שוין אָנגענומענער פּשרה, וועלכע פֿלעגט זיך, וואָס ווייטער, אלץ מער פֿאַרפֿעסטיקן און וועלכן די קינדער פֿלעגן ערלעך אָפּהיטן.

.III

איצט האָט זיך וואסיע געקליגט: ער האָט זיך געמאַכט, אז ער וועקט ניט מאַרקן, נאָר האַלט אים שוין פֿאַר אן אויפֿגעשטאַנענעם.

— ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן?

די תשובה איז אָבער געווען נאָר א זיפֿץ און א בורטשע פֿון שלאָף. די אלטע אינם שכנישן צימער האָט אויך א בורטשע געטאָן.

דער רעגן האָט נאָך אלץ געגאָסן, כאָטש א ביסל שטילער. איצט האָט מען שוין דייטלעך געהערט די ריטשקעלעך, וואָס פֿלעגן זיך אראָפּקייקלען פֿון דאַך און פֿון די וואַסער־רינעס.

בעל־מוחס אויגן האָבן ניט ווילנדיק זיך א קער געטאָן צום פֿינסטערן צימער. פֿון שטענדיק אָן פֿלעגט ער זיך וואונדערן, וואָס די מיידלעך האָבן קיין מורא ניט צו שלאָפֿן אין דער פֿינסטער, וואו עס פֿלעגן זיך אים פֿאָר־שטעלן משונהדיקע ברואים. איינציקע פֿון זיי זיינען אים געווען גוט באַקאַנט, און אָט הייבן זיי זיך שוין אָן צו דרייען, כאָטש מ׳זעט זיי נאָך ניט. איצט

באוועגט זיך נאָך די פינסטערניש אליין, וואָס איז אָנגעפילט מיט קוים־קוים באמערקבארע פאנטאסטישע גייסטער.

דער שטילער כראָפּען פון דער ניאַניע פלעגט זיי אויף א ווײַלע איבער־שרעקן, זיי פלעגן אויפציטערן, זיך אויסמישן און נעלם ווערן. באלד אָבער פלעגן זיי ווידער ארויסשווימען, און מיט יעדן מאָל אלץ חוצפּהדיקער און עקשנותדיקער.

דאָס איז געווען זייער פײַנלעך, און בעל־מוחן פלעגט א סך גרינגער ווערן, ווען זיי פלעגן זיך לסוף אָנהייבן בולטער אויסטיילן...

פריער האָט זיך, ווי שטענדיק, באוויזן א הויכער עלעגאנטער מאן, אינגאנצן גרין מיט שניי־ווײַסע קאָלנערלעך און מאנקעטן. קיין פּנים האָט ער ניט געהאט, און דעריבער איז ער טאקי געווען אזוי שרעקלעך. ער האָט אפילו קיין בולטע גלידער ניט פארמאָגט און פלעגט זיך אויף עפּעס א מאָד־נעם אופן אויסטיילן פון דער פינסטערניש, ריכטיק ווי די פינסטערניש אליין זאָל געווען זײַן אָפּגעפארבט אין גרין. א מאָל פלעגט ווידער וואסיען אויס־קומען, אז דער מאן איז גאָר אויסגעשניטן פון גרינע און ווײַסע טאָוול, וואָס עס האָט אים אָבער ניט געשטערט גאזוהדיק זיך ארומשפּרייזן איבערן צימער און זײַן ביי זיך זייער „פּארריסן", ווי עס פלעגן זיך אויסדריקן די קינדער, ווען וואסיע פלעגט בייטאָג נאָכמאכן זײַן ארט גיין.

תחילת פלעגט זיך דער גרינער באווײַזן ערגעץ טיף־טיף אין צימער, קוים, וואָס מ'פלעגט אים זען. ער פלעגט זיך באוועגן אין א קרייזליניע, פונקט, ווי עמיצער זאָל אים איבערוואַרפן אויף א שפּרינג־פעדער, דערנאָך פלעגט ער נעלם ווערן אינגאנצן וויפֿל אויף איין רגע זיך באלד ווידער באווײַזן פון דער רעכטער זייט, כּדי ווידער ארומגיין זײַן קרייז, נאָר שוין א סך בולטער און נעענטער. דאמאָלסט טאקע פלעגט וואסיע אָנהייבן מורא האָבן פאר אים. תחילת פלעגט ער זיך פּרובן ניט זען דעם גרינעם, אז יענער אָבער פלעגט פאַרט קריכן אין די אויגן, פלעגט זיך וואסיע מיט א

בייסנדיקער איראָניע אָנהייבן איינריידן, אז דער גרינער איז גאָר אויסגעשניטן פון טאָוול. ווען ער פלעגט אָבער צוקומען אלץ נעענטער און נעענטער, פלעגט שוין וואסיען ארומכאפן א פחד ניט אויף קאטאָוועס: טאָמער האָט יענער טאקע א פנים און וועט נעמען און גלייך א קוק טאָן? דאמאָלסט איז דאָך שוין אוודאי אויס טאָוול!

ביני לביני פלעגט זיך לעם גרינעם אָנהייבן רירן נאָך עפעס, א קליינס און אן אומרואיקס. דאָס האָט שוין קיין שום פּרצוף ניט געהאט און אויסגעזען פשוט ווי א שטיקל פינסטערניש, וואָס האָט זיך געגריבלט און געמאכט פארשיידענע באוועגונגען, לעכערלעכע, נאָר שרעקלעכע, וואסיע האָט דאָ חושד געווען א כיטרעקייט פון שונא: מ׳קען זיי די אורחים; תחילת מאכן זיי זיך כלומרשט לעכערלעך, כדי צוציען די אויפמערקזאמקייט, און פלוצלונג האָט אָדער אָ אויף באקומען א פנים, — וואָס־זשע וועט זיין?

א רוף טוענדיק נאָכאמאָל מאָרדעלען און ניט באקומענדיק ווידער קיין שום תשובה, האָט בעל־מוח ביי זיך באשלאָסן, אז אזוי ליגן און קוקן אין דער פינסטערניש וועט צו קיין גוטס ניט ברענגען. מ׳מוז זען זיך אָפטרייסלען פון גייסטיקן שטילשטאנד, וואָס האָט זיך שוין אויסגעוועבט אין א קאָשמאר. ער איז אויפגעשטאנען און אוועק צו דער ליכטל. די וואנצן האָבן גיך־גיך, העגדום־פענדום, זיך אריבערגעפעקלט אויף יענער זייט מעדניצע.

דאָס האָט בעל־מוחן א ווײַלע פארנומען. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעהויבן צוהערן צום גערויש פון רעגן.

דער רעגן האָט זיך שוין שטארק פארקלענערט. זיין מורמלען פלעגט אמאָל שטילער ווערן, אמאָל זיך פארשטארקן, ריכטיק, ווי דער אָטעם ביי א שלאָפנדיקן. דערפאר האָט זיך אָבער א נעם געטאָן דער ווינט; משוגענערווייז איז ער געפלויגן איבער די שפיצן ביימער און אויפגעהויבן א מאָדנעם גערויש. וואסיע האָט זיך טאקע פאָרגעשטעלט, ווי עס בוקן זיך די ביימער אין דער נאכט־פינסטערניש, און די בלעטער סודען זיך דערביי; שפעטער אָבער

האָט ער זיך איינגעשמועסט, אז די ביימער זיינען גאָר קיין ביימער ניט, דער ווינט קיין ווינט ניט, דאָס מוז גאָר עמיצער דאָרטן, אויפן הויף, דרייען אהין און אהער א ריזיקן בויגן פאפיר, דערפון איז טאקע אָט דער שור־שען; ס'האָט אים באמת הנאה געטאָן, וואָס באלד איז טאקע אזוי אויסגעקומען; דער קלאנג אליין אפילו האָט זיך געביטן; אָנשטאָט דעם שורשען פון פייכטע בלעטער, האָט זיך דייטלעך געהערט א מין טרוקענער רוישן פון פאפיר. דערנאָך האָט ער ווידער געביטן זיין השערה: דאָס מוז גאָר עמיצער אין מיטן דער נאכט שיטן קערנדלעך פון א גרויסן, גאָר גרויסן זאק אין א גרוי־סער גאָר גרויסער פאס. און באלד איז טאקע אזוי אויך אויסגעקומען, אז דער ווינט פלעגט זיך איינרואיקן, פלעגט בעל־מוח אזוי טראכטן: „ר'איז אוועק נאָך א נייעם זעקל, ט'באלד ברענגען". און באמת, באלד פלעגט זיך טאקע ווידער דערהערן, ווי עס שיטן זיך קערנדלעך, עס רעשט, פאלט אויפן דעך אין קלאפט זיך אָן אָן די ווענטלעך.

כאָטש דער געפיל, אז דאָ אין שטוב איז עפּעס ניט אין אָרדענונג, איז פון די השערות ניט שוואכער געוואָרן, איז אָבער בעל־מוחן פונדעסטוועגן געלונגען צו פארגעסן אָן גריגעם. דער גאנצער האָריזאָנט זיינער איז איצט געהאט באשטאנען נאָר פונם באלויכטענעם טייל פאָדלאָגע, מעדניצע, ליכטל און וואנצן, וואָס האָבן געכאפט דאָ אנטקעגן א דרעמל. ביסלעכווייז האָט זיך אים אויך אָנגעהויבן דרעמלען: לאנגע, גאָלדענע פעדים האָבן זיך אָנגעהויבן ציען פון דער ליכט צו די אויגן; די ליכט האָט זיך אָנגעהויבן צושווימען.

IV.

אין דערזעלבער מינוט האָט ער פלוצלונג דערפילט, אז איצט איז ער שוין ניט איינער אליין אין צימער. ער האָט א ציטער געטאָן, זיך אומגעקוקט אין דערזען, אז מארק זיצט אויפן בעטל, אָנגעשפּארט אָן ווענטל, און קוקט פאָרויס מיט נאָך ניט אינגאנצן אויסגעשלאָפענע אויגן. אָבער אז וואסיע האָט זיך א דערפריידטער געוואונדעט צו אים, האָט מארק זיך באלד דערמאָנט, אז

בייטאָג האָבן זיי זיך געהאט צוקריגט איבער א טעשל קאָרטן. ער האָט זיך גיך צוריק אוועקגעלייגט און איינגעגורעט זיך אין קישן. וואסיען האָט עס פארדראָסן.

— וועסט טאקע ניט צוגיין צו דער ליכטל? — האָט ער געפרעגט מיט א זייער געפאלענעם קול,

— ניין, כ׳וועל ניט גיין! — האָט מארק אנטשלאָסן געענטפערט.

— פארוואָס?

— פארוואָס! און די קאָרטן געדענקסטו?..

— נו, קום, קום, כ׳ל מאָרגן אָפּגעבן.

— א ליגן!

— אויף דער אמתן. מאָרגן. דער טרומייטער אויך — צו שפילן ביז מיטאָג.

— שווער זיך!

— אויף מיינע נאמנות.

— זאָג דריי מאָל.

— לאָז צורו!

— ניין, זאָג דריי מאָל, א ניט ווער איך באלד אנטשלאָפן!

וואסיען האָט עס געקרענקט ביזן ביין. סטייטש! א שבועה איז אים נאָך ווייניק! מארק איז אָבער געווען ביי זיך זייער פארריסן, ער האָט אויך אָפּט ליב געהאט מאכן דעם אָנשטעל; א חוצדעם האָט ער נאָך געוואָלט אויסגיסן א יף בעל־מוחן דעם נעכטיקן פארדרוס, וויסנדיק גאנץ גוט, אז ער האָט אים איצט אין האנט, און איז איצט דער תקיף. אזוי איז טאקע געווען: רויט פאר חרפה, האָט בעל־מוח אייגס נאָכן אנדערן דריי מאָל אויסגערופן: „אויף

נאמנות, כ״ל געבן די קאָרטן!״

מאָרדעלע איז ארויס פון בעטל און אוועק צו דער ליכט, וואָס ס׳האָט דעם ברודער שטארק הנאה געטאָן.

געוויינטלעך פלעגט וואסיע זיך שטענדיק אויפכאפּן דער ערשטער, און דער זיצן און ווארטן אייניקער אליין פלעגט אים אויסזען מוראדיק לאנג. בעת ער פלעגט זיך באמיען ניט קוקן אָן א זייט און ניט קלערן וועגן גאָר־ניט, א חוץ ליכטל, וואנצן און מעדניצע — פלעגט זיך אים אויסדוכטן, אז עמיצער בּויגט זיך צו נאָענט־נאָענט איבער אים, גייט הינטער אים, קוקט און אָטעמט אויף אים. די פאנטאזיע פלעגט זיך אים דאמאָלסט צושפּילן, און ער פלעגט זיך אינם באלויכטענעם שטח דערפילן איינזאם, פונקט, ווי ער וואָלט געזעסן אויפן שפּיץ פון א בארג, וואָס איז ארום און ארום ארומגערינגלט מיט א מוראדיקן, פינסטערן תהום.

דערפאר אָבער, ווען דער דרייסטער און אנטשיידענער מארק פלעגט צוגיין צו דער ליכט, פלעגן אלע רוחות באלד פארשווינדן, און די פאנטאזיע פלעגט אָנהייבן ארבעטן גאָר אין אן אנדער ריכטונג: ס׳פלעגן זיך אים פאָר־שטעלן גאָר אנדערע בילדער, מער רואיקע, פון וועלכע וואסיע פלעגט שטארק הנאה האָבן. על־פּי־רוב זיינען עס געווען פאמיליע־לעגענדעס, וואָס בעל־מוח פלעגט אויפכאפּן פון דער מאמעס און טאטנס שטיקלעך זכרונות בעת א שמועס מיט די געסט אין זאל. אָט די שטיקלעך פלעגט ער אויפכאפּן מיט אן אומבאוואוסטזיניקער דורשטיקייט, און אין די שפּעטע נאכט־שעהן, ביי דער ליכטל, ווען די פאנטאזיע פלעגט זיך א ביסל איינרואיקן פון די שרעקלעכע גייסטער, פלעגט דעם יונגן דערציילער באהערשן א מאָדנע באגייסטערונג: די באזונדערע טיילן פון די פאמיליע־לעגענדעס פלעגן זיך צונויפגיסן אין איין הארמאָניש גאנצעס, ווי אזוי דאָס איז אזוי ארויס, האָט ער אליין ניט גע־וואוסט. ער האָט אויך ניט געוואוסט, פון וואנען עס האָבן זיך צו אים גענו־מען געוויסע פּרטים, וועלכע קיינער האָט אים קיינמאָל ניט איבערגעגעבן

איינס איז אים אָבער געווען קלאָר, אז דאָס אלץ איז דער הוילער אמת. פריי און לייכט פלעגט ער ריידן און דערציילן וועגן דעם, וואָס ס'איז גע־ווען ביי זייערע טאטע־מאמע, „ווען מיר זיינען נאָך אויף דער וועלט ניט געווען", און א מאָל אויך — וואָס מיט אים אליין איז געווען נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן. טאטע־מאמע פלעגן אין אָט די דערציילונגען אויסקומען סיי דעם דערציילער, סיי זיינע צוהערער ניט אזוי, ווי זיי זיינען איצט. דאָס האָט אָבער ניט געשאדט: אין דער אמתן האָט דאָך טאקע אלץ באדארפט זיין א ביסל אנדערש „ווען מיר זיינען נאָך אויף דער וועלט ניט געווען". שווער איז געווען, למשל, זיך פאָרצושטעלן, אז די מאמע איז א מאָל געווען אזא קליינינקע, ווי שורעלע, און האָט געשפילט אין ליאַלקעס, און א, דער פאפא — געווען אמאָל אזא צייט — איז גאָר אויף דער שטעלע ניט געגאנגען, נאָר געפאָרן ריימנדיק אויף א שטעקל אין א פאפירענער מיצל. דאָס פלעגט אויסקומען אזוי ווילד און אויסטערליש, אז די מיידלעך פלעגן זיך קייקלען פון געלעכטער, און די סאמע ייִנגסטע האָט געפאטשט מיט די הענטלעך, ריזיקירנדיק אויפוועקן דער ניאניע. נאָכדעם פלעגט שוין קיין שום זאך ניט אויסקומען וואונדערלעך, און בעל־מוח פלעגט באלעבאטעווען איבער די געשעענישן, צו וועלכע די קינדער פלעגן זיך גיך צוגעוויינען, ווי מ'געוויינט זיך א שטייגער צו, קוקנדיק דורך געפארבטע גלעזלעך, צו זען דעם הימל רויט, די ביימער—רויט, און אז א רויטער קוטשער טרייבט א רויט פערדל, און די רויטע רעדער הייבן אויף א רויטן שטויב אויפן וועג... די מאמע האָט דאמאָלסט געהאט א גרויסן באָק, וואָס פלעגט אלעמען דערהרגענען מיט זיינע שטארקע הערנער; די מאמע אָבער פלעגט אים פירן אויף א שנירעלע, ווי א הינטל. און אז דער טאטע האָט זיך מיישב געווען חתונה האָבן מיט דער מאמען, איז נאָך די מאמע אלט געווען קוים 14 יאָר. דער באָק האָט דאמאָלסט שיר־שיר ניט דערשטאָכן דעם טאטן מיט די הערנער. דער פאפא אָבער האָט פונדעסטוועגן ארויסגעגנבעט דער מאמא דורכן פענסטער און האָט מיט איר חתונה געהאט. שפעטער, ווען וואסיע איז שוין געהאט געווען א יִף

דער וועלט, האָט מען געוואָלט ביים פּאַפּאַ צונעמען די מאַמאַ, איר אוועקגעבן אין א קלויסטער, כדי זי זאָלן מער ניט זיין קיין חתונה־געהאַטע, און דאַמאָלסט וואָלט וואַסיע ווידער ניט געווען, ווייל ביי ניט קיין חתונה־געהאַטע קענען קיין קינדער ניט זיין. און אָט דאָס אלץ געדענקט ער. אים דוכט זיך אויך, אז ער געדענקט, ווי דער פּאַפּאַ האָט ארויסגעגנבעט דער מאַמאַ דורכן פענ־סטער. בעת־מעשה האָט ער זיך געהאַט אויפגעהויבן אין בעטל. נאָך אָט דער מעשה האָט אים דער טאַטע איינמאָל געזאָגט, אז ער איז א נאַר. ווען וואַסיע אָבער האָט נאָך דערנאָך צוגעגעבן, וואָס פאַר א בעטל ס'איז געהאַט געווען און וואו זי איז געשטאַנען און אין וואָסער צימער, האָט אים דער פּאַפּאַ נאָכאַמאָל געקרוינט מיטן זעלבן נאָמען, ווייל ער איז נאָך דאַמאָלסט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען, און אַך דער בעטל, וואָס ער זאָגט, איז געהאַט געשלאָפן די מאַמע אליין, ווען זי איז נאָך געווען א קליינע מיידעלע און אין דעם צימער האָט די מאַמע געהאַט געוויינט קינדווייז; דער טאַטע ווידער האָט גאָר מיט איר חתונה געהאַט אין אן אנדער שטאָט. דאָס האָט אים די מאַמע, קען זיין, דערציילט א מאָל וועגן איר צימער, דעריבער זאָגט ער איצט, אז ער האָט אים אליין געזען. אלץ איז טאַקע פלומרשט אזוי אויסגע־קומען, דער פּאַפּאַ איז טאַקע געווען גערעכט; וואַסיע אָבער פלעגט מיט פאַר־ביטערונג זיך קלערן: יע, שטענדיק זיינען די גרויסע גערעכט, בעת אין דער אמתן איז עס ניט אזוי: אָט פארזשמורעט ער נאָר די אויגן — און פאַר אים איז א צימער מיט א פענסטער, און דער פּאַפּאַ טראָגט דער מאַמאַ דורכן פענסטער; דערביי לויכט די לבנה עפּעס אזוי משונהדיק, און פארשטענדלעך פאַרוואָס: די לבנה איז דאָך דאַמאָלסט אויך געהאַט געווען אנדערש, — אמאַי די מענטשן?

אָט דאָס אלץ און נאָך א סך אנדערעס פלעגט אָפּלעבן ביינאַכט, און, צוקוקנדיק יעדן מאָל צו די בילדלעך, פלעגט וואַסיע אנטפּלעקן אין זיי אלץ נייע און נייע פּרטים. יעדן מאָל פלעגט די ניי־אנטפּלעקטע קלייניקייט זיך צונויפוואַקסן מיט דאָס פריערדיקע אזוי שטאַרק, אז ביים צווייטן מאָל דער־

ציילן פלעגט מען איר שוין בשום אופן ניט קענען אָפּטיילן פון דער גאנצער דערציילונג. און וואסיען פלעגט זיך דוכטן, אז ער האָט דאָס אלץ אליין מיט זיינע אייגענע אויגן געזען, דעריבער געדענקט ער. אמאָל פלעגן ארויסקומען סכסוכים: מארק, דער קנאפּ-גלויביקער און אנטשלאָסענער מארק, פלעגט טענהן, אז וואסיע האָט פריער אנדערש דערציילט, און פלעגט אָפּשניידן: כזב ושקר, נעכטיקע טעג! וואסיען פלעגט עס קרענקען, און ער פלעגט זיך סטארען ווייבער מאכן מארקן דורך צערטלעכקייטן און חניפה. דאָס פלעגט אָבער מארקן ניט נעמען, און מאָרדעלע, דער עקשן און אכזר, פלעגט פון קיין שום זאך ניט וועלן וויסן און לייקענען שטיין און ביין. ראשית, פלעגט ער טענהן, וואָלט ער אלץ איינס געווען, אויב אפילו דער פאפא און די מאמא וואָלטן ווידער געוואָרן אויס חתונה געהאטע. ער וואָלט געווען, זאָגט ער, און טו אים עפּעס, ער וואָלט פון קיין שום זאך ניט געוואָלט וויסן... מאלע וואָס!... ווייטער, פלעגט ער טענהן, אז וואסיע האָט גארניט געזען, ווי דער פאפא האָט ארויסגעגנבעט דער מאמא דורכן פענסטער, ווייל וואסיע איז נאָך דאמאָלסט גאָר אויף דער וועלט ניט געווען. דער פאפא האָט דאָך מיט דער מאמא נאָך ניט חתונה געהאט, און וואסיע זאָגט דאָך אליין, אז ביי ניט קיין חתונה-געהאטע קענען קיין קינדער ניט זיין. ער איז געגאנגען נאָך ווייטער און ארייגעוואָרפן אין ספק דעם גאנצן ענין „ארויסגנבענען". חתונה האָט מען שטענדיק ביי טאָג און גיין גייט מען ארויס גלייך דורך דער טיר. אָט האָט ער אליין געזען, ווי אויפן שכנישן הויף האָט חתונה געהאט א משרת. ער איז אראָפּ פון גאניק און זיך אויפגעזעצט אויף א דראָזשקע, און די דינסט-מיידל, וועלכע האָט מיט אים אויך חתונה געהאט, האָט זיך אויפגעזעצט אין דער פריצישער קארעטקע.

— א ליגן... דאָס איז שוין א ליגן! — האָט מאשע זיך אָנגענומען פאר וואסיען. — כ'האָב אליין געהערט, דער פאפא האָט פארציילט אין גאסטצימער, אז די מאמא איז אן א רויסגעגנבעטע און אז מ'האָט זי געהאט געוואָלט ביי אים צונעמען.

— ניין, ניט קיין ארויסגעגנבעטע... ניט קיין ארויסגעגנבעטע! — האָט מאָרדעלע עקשנותדיק געחזרט.

— הייסט עס, אז דער פאפא האָט געזאָגט א ליגן, א—יע, א ליגן? — האָט הייס אויסגעשריען מאשע.

— דער פאפא האָט געלאכט, און איר נאראָנים, גלויבט... וואָס איז דערפון געדרונגען?... און קיין באָק איז אויך ניט געווען, — בבא מעשיות, נעפּטיקע טעג און ס׳קען ניט זיין...

— ניין, ניט קיין נעכטיקע טעג! ניין, ניט „ס׳קען ניט זיין", דו, דו, מיאוסער צולהכעסניק, עקלהאפטע מאָרדעלע!

— נעכטיקע טעג, נעכטיקע טעג, נעכטיקע טעג, — האָט מאָרדעלע גע־חזרט מיט א קאלטער פאו׳ביסנקייט.

— ניט קיין נעכטיקע טעג, ניט קיין נעכטיקע טעג, ניט קיין נעכטיקע טעג, — האָט זיך באמיט איבערשפארן אים מאשע, און די קליינע שורעלע, וואָס האָט שטענדיק געהאלטן דער שוועסטערס צד, האָט זיך גאָר פונאנדער־געוויינט.

דער טומל פלעגט אויפוועקן דער ניאניע... נאָר אפילו אָן דעם פלעגט שוין דער גאנצער שמועס קאליע ווערן. די קינדער פלעגן דאמאָלסט שטארק פיינט קריגן מאָרדעלען פונקט ווי בעת ער פלעגט אומברחמנותדיק צעשטערן זייערע קאָרטן־שטיבעלעך, ווארפנדיק אין זיי פון א ווינקל פאפירענע קייק־לעך.

בעל־מוחס פאנטאסטישע שטיבעלעך פלעגן אויך צעקלאפט ווערן פון מארקס ספקות, און די קינדער פלעגן זיך פונאנדערגיין פון דער ליכט אין א זויערער און אָפגעקילטער ־שטימונג. וואסיע פלעגט אזש וויינען פון קרענקונג און נאָכמער דערפאר, ווייל ער האָט פארשטאנען, אז מאָרדעלע מוז, מסתמא, זיין גערעכט. נאָר ניט דאָס איז דאָך דער עיקר. וואסיע איז אויך גערעכט.

ער איז ניט קיין ליגנער. און ווידער צוריק: ווי אזוי איז נאַר קיין באָק ניט געווען, אז די מאמא האָט דאָך אליין געזאָגט?

V.

צוגייענדיק איצט צו דער ליכט, האָט מארק קודם־כל אזוי געשיקט א שנעל געטאָן א וואנק, אז יענער האָט זיך עטלעכע מאָל איבערגעקערט קאָזשאָלקע און איז, ווי א משוגענער, אנטלאָפן צו זיך אין ווינקל.

מארק פלעגט זיך האלטן דרייסט און פריי. זיינע ניט איבעריק שיינע געזיכט־שטריכן פלעגן דעם אויסדרוק פון זיין פנים צוגעבן א זיכערקייט און א געוויסע אנטשלאָסנקייט. וואסיע איז געווען דער מאמעס ליבלינג, מארק — דעם טאטנס, וועלכער פלעגט אים ליב האָבן פאר זיין העלדישקייט און אנטשלאָסנקייט. מארק פלעגט זיך ניט שרעקן פאר קיין פינצטערן צימער, ניט מורא האָבן פאר וואסער. ער פלעגט זיך ווארפן אין טייך אריין פונקט אזוי פריי, ווי פארקלייבן זיך אין דער הייס אָנגעהייצטער באָד אויף די אויבערשטע פאָליצעס. ביי וואסיען אָבער פלעגט די פאנטאזיע זיך שטענדיק מקדים זיין: ער פלעגט זיך באצייטנס שוין נורען פאר קעלט, און דערפאר איז אים די הויט טאקע געוואָרן אזוי שפירעוודיק; עס פלעגט אים קלאפן א צאָן אָן א צאָן, בעת מארקן פלעגט זיין בלויז קיל; ער פלעגט זיך בריען, בעת מארק פלעגט שטיין אויסגעצויגן אין דער גאנצער לענג אויפן פאָליצע און רק טענהן, אז „אים איז אפילו קיין סימן ניט הייס". אָבער אחוץ אָט די דער־מאָנטע פאלן פלעגן די ברידער גאנץ גוט הויזן צווישן זיך און פארשטיין איינער דעם צווייטן אויפן וואונק.

— נו וואָס? ס'ט'א'ם ווידער געזען? — האָט געפרעגט מאַרדעלע.

— דעם גריגעם? יע, געזען.

— א ליגן, כלעבן.

— אויף מיינע נאמנות.

— נו?

— קיין וואָרט ליגן! געזען־און ווייטער גאָרניט... אָן א פּנים.

— פון פּאפּיר?

— כמעט... ניט כדאי איבערצורייידן.

— נארישקייטן. איך האָב ניט מורא. וויבאלד ער איז פון טאָוול, טאָ וואָס זשע איז דאָ מורא צו האָבן? היי, דו, גרינגער, ארויס! — האָט זיך גע־בריהט מארק, אומדרייענדיק זיך צו דער טיר. די פינסטערקייט פון צימער האָט אָבער, א פּנים, אויך אים אויך געווירקט; ער האָט זיך אומגעדרייט און צוגע־געבן שוין א סך שטילער: — און איך וואָלט אים צעריסן און שוין.

וואסיע האָט גלייך געביטן דעם שמועס.

— און דיר זעט עס עפּעס ניט אויס משונהדיק? — האָט ער געפרעגט.

מאָרדעלע האָט א קלער געטאָן.

— טאקע ס'זעט אויס. און דיר?

— מיר אויך. פארוואָס איז עס אזוי?

— ווייל... ווייל אויפן גאס איז א ווינט, — האָט געזאָגט מאָרדעלע, צוהערנדיק זיך צום גערויש פון די בלעטער.

— און ס'איז געווען א גרויסער רעגן. ס'איז נאָך איצט אויך, נאָר שוין א סך קלענער. נאָר דאָס איז ניט דערפאר. און דיר קומט ניט אויס — האָט ער לעבעדיק צוגעגעבן — אז דאָס רוישט מען מיט א בלאט פּאפּיר... אוא א גרויסן?

מאָרדעלע האָט זיך ווידער צוגעהערט.

— ניין, ס׳דוכט זיך ניט

— און אז מ׳שיט קערנדלעך אין א פעסל?

מאָרדעלע האָט זיך ווידער איינגעהערט.

— לחלוטין ניט, ווייל ס׳איז דער ווינט.

— און מיר קומט אמאָל אזוי אויס. נאָר פונדעסטוועגן איז ניט דערפון הײנט עפּעס אזוי משונהדיק.

— טאָ פון וואָס?

— כ׳ווייס ניט. כ׳האָב געוואוסט, נאָר פארגעסן. איצט ווייס איך ניט.

— איך ווייס אויך ניט

ביידע זיינען אנטשוויגן געוואָרן.

דאָ האָט אין דער צווייטער העלפט שטוב, וואָס איז אָפּגעטיילט פון דער דורך א לאנגן קאָרידאָר, א סקריפּ געטאָן א גיך געעפנטע טיר. אויף דעם סקריפּ האָט זיך באלד אָפּגערופן דער פענסטער פון קינדער-צימער, דער פלאם פון דער ליכט האָט זיך א וויג געטאָן — די טיר האָט זיך ווידער פארמאכט.

— האָסט געהערט? — האָט געפרעגט וואס׳ע.

— געהערט... ווארט נאָר.

אין די עטלעכע רגעס, וואָס די טיר האָט זיך געעפנט און פארמאכט, האָבן זיך דערטראָגן פון דער צווייטער העלפט צונויפגעמישטע, אָפּגעריסענע קלאנגען. קלאָר, אז מ׳איז דאָרטן ניט געשלאָפן און, ווייזט אויס, זיך אפילו גאָרניט געלייגט. עפּעס א קול האָט געפאָדערט וואסער, עמיצער האָט געוויינט און געשריען, עמיצער האָט געקרעכצט... ביים לעצטן קלאנג איז ביי די קינדער איינגעפאלן אין די הערצלעך.

— ווייסט, וואָס דאַרפן איז? — האָט לעבעודיק א פרעג געטאָן וואסיע.

— כ׳ווייס. די מאמא געבוירט א מיידעלע.

— אפשר א יינגעלע.

— ב־נו... אפשר א יינגעלע.

פאר מאַרדעלעס געדענקען זיינען געוועזן צוויי געבורטן, און ביידע מאָל מיידלעך. דעריבער־איז עס אים איצט אויסגעקומען, אז דאָס ווערט גע־בוירן געוויס א מיידל. און דערפאר, ווייל ער האָט נאָר געדענקט דאָס גע־בוירן פון די מיידלעך, און זיינעם און וואסיעס ניט, פלעגט אים צומאָל דורכלויפן דער אומבאגרינדעטער רעיון, אז נאָר מיידלעך ווערן געבוירן, והאראיה, אָט איז דאָך געווען א צייט, ווען די מיידלעך זיינען אינגאנצן ניט געוועזן; זיי, די יינגלעך ווידער, זיינען קיינמאָל ניט געבוירן געוואָרן: זיי זיינען שטענדיק געווען. ער אליין האָט ניט זייער געגלויבט אין אָט דער תורה; זי פלעגט אים אָבער דערהויבן אין זיין אייגענער מיינונג און געבן א געוויסע מעלה קעגן די מיידלעך, וועלכע וואָלטן אודאי אויך וועלן „זיין פון שטענדיק", נאָר זיי האָבן געמוזט געבוירן ווערן, עלעהיי שורע

— אָט פארוואָס עס איז טאקע עפּעס אזוי משוגעהדיק... — האָט ווידער געזאָגט וואסיע.

— ל־י־ג־ן... האָט אויסגעצויגן מאַרדעלע. שפּעטער אָבער האָט ער אליין מסכים געווען: — און אפשר ביסטו גערעכט.

— אוודאי דערפאר. זעסט, קיינער לייגט זיך דאַרטן ניט. און נאָך: דאָס קומט דאָך שטענדיק פאַר זייער משוגעת׳ק...

ביידע האָבן זיך פארקלערט.

— אָט איז ניט געווען קיין מיידעלע, פלוצלונג איז דאָ... — האָט געזאָגט בעל־מות.

— יע, — האָט איבערגעחזרט מאַרדעלע — אָט ניט געווען, פלוצלונג דאָ... מאַדנע: פון וואנען נעמען זיי זיך?.. שטיי, כ'ווייס שוין — האָט זיך מארק צוגעאיילט מיט זיין אנטדעקונג: — מ'ווארפט אונטער!

די דערקלערונג איז טאקע געווען פשוט, נאָר זי האָט ניט באפרידיקט.

— ניין, — האָט געזאָגט בעל־מות.

— פארוואָס ניין?

— ווייל... ווייל... אָט פארוואָס ניין: ווייל פון וואנען וועט עס יענער נעמען אויף אונטערצווארפן?

— ביי א צווייטן.

— און דער צווייטער?

— נאָך ביי עמיצן.

— און וואו וועט נעמען דער נאָך עמיצער?

— כ'ווייס ניט... די גיאניע זאָגט: מיר האָט מען געפונען אין גראָז. געוויס באריישקייטן.

— אוודאי באריישקייטן! ווער וועט עס דאַרטן ארייגלייגן א קינד? און וועגן גאָלדענעם פאָדים... אז מ'לאָזט כלומרשט אראָפּ אויף א גאָלדענעם פאָדים,— אויך באריישקייטן.

— וואָס די אלטע וועט דיר זאָגן!.. נו, און דו, ווי מיינסטו, פון וואנען?

— פארשטייט זיך, פון יענער וועלט.

מאַרדעלע האָט זיך פארקלערט. אָט דער רעיון איז אים אויסגעקומען זייער פשוט און קלאָר... אויף דער וועלט קומט מען פון יענער וועלט.

— נו, און ווי?

— די מלאכים ברענגען.

— אפשר זיינען קיין מלאכים גאָר ניטאָ.

— דאָס זאָג ניט. אן עבירה. דאָס ווייסן שוין אלע, אז ס'איז דאָ.

— און פעטער מיכאאיל.

— מאלע וואָס, מענטשן האָבן אליין געזען...

— ווער האָט געזען?

— א סך האָבן געזען. איך האָב אויך געזען... אין חלום...

— נו, און ווי זעט ער אויס?

— א קלאָרינקער, א ווייסינקער. געפלויגן פון וויגאָדסקעס סאָד פון איין בוים אויפן אנדערן; דערנאָך איבערן גאָרטן, איבערן פליאץ. און איך קוק מיר אזוי, וואו וועט ער זיך זעצן. און ער האָט זיך געזעצט אויף מאָשקעס דאך און אָנגעהויבן קלאפן מיט די פליגלען. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעהויבן און אוועק ווייט-ווייט.

— ער פליט גוט?

— א קשיא דאָס איז! אויסגעצייכנט. כ'זאָג דערנאָך מאָשקען: כ'האָב געזען אין חלום, אז ביי דיר אויפן דאך איז געזעסן א מלאך.

— נו, און מאָשקע?

— ער איז נישט נתפעל געוואָרן. ער זאָגט: אַי-חיי, אלע שבת קומען צו מיר אין שטוב מלאכים, און די טייוואָלים זעצן זיך אָן אויפן דאך, פונקט, ווי קראָען אויף אן אלטן טאָפּאָל.

— א בארימער

— נ-ניין, כאפ ניט. ביי יידן טרעפן זיך א סך זאכן. שאַ, יודקען געדענקסטו?

VI.

יודקע איז געווען זייער א הויכער ייד מיט זייער א לאנגע באָרד און מוראדיקע האלבמשוגענע אויגן. ער פלעגט טראָגן איבער די הויזער פארקריפּן די בעסטע מינים מעל, אָפּמעסטנדיק די געהעריקע מאָס, פלעגט ער שטענדיק צושיטן א צולייג — „פאר די קינדערלעך, פאר דער קעכין, פאר דער ניאניע, פאר דער קעצל, פאר דער מייזל". דערביי פלעגט זיך די באָרד ביי אים טרייסלען, און די אויגן פלעגן ארומלויפן אין די אויגן־לעכער. ווי נאָר זיין מגושמדיקע געשטאלט מיטן זאק אויף דער אייבערהיקערטער פּלייצע פלעגט זיך באווייזן אין טויער, פלעגט די קינדער ארומכאפּן א געפיל פון שרעק און נייגעריקייט צוזאמען. זיי פלעגן ציטערן פאר יודקען, נאָר פלעגן זיך אָבער ניט קענען אָפּזאָגן פון תענוג א קוק טאָן, ווי יודקע וועט אָנהייבן אָפּמעסטן „פאר דער קעצל, פאר דער מייזל". ער פלעגט קומען אלע וואָך, און פלעגט יעדן מאָל מאכן אויף די קינדער זייער א שטארקן רושם.

פלוצלונג איז יודקע נעלם געוואָרן און מ'האָט אים ניט אָנגעזען שיינע עטלעכע וואָכן. סיי די מאמע, סיי די קינדער האָבן זיך זייער געחדושט און באשלאָסן, אז דער אלטער ייד האָט געמוזט אוודאי שטארבן. ס'האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן אַנ וואָס: יום־כפּור האָט יודקען צוגעכאפּט דער יידישער טייוול, וועלכער איז ביים פאָלק באקאנט אונטערן נאָמען: דער כאפּער. אין קיך האָט מען דערציילט די מעשה מיט אלע פּיטשעווקעס. יום־כפּור אינאָוונט זאמלען זיך די יידן צונויף אין שול, און איטלעכער לאָזט איבער זיינע שיך אין קלויז. דערנאָך צינדט מען אָן א סך ליכט, זיי פארמאכן די אויגן און הייבן אָן טרויעריק צו שרייען פאר שרעק. דאמאָלסט פליט אָן אויף זיי דער כאפּער, ווי א שפּארבער, און כאפּט איינעם צו, דערנאָך, אז מ'גייט ארויס פון שול, נעמט זיך יעדער צו זיינע שיך; איין פּאָר אָבער בלייבט שטענדיק. הייגטיקס מאָל זיינען געבליבן די גרויסע שיך פון דעם אלטן יודקע; אזוי ארום האָבן זיך אלע דערוואוסט, אז יודקען האָט צוגעכאפּט דער כאפּער.

אין א צייט ארום האָט זיך יודקע ווידער באוויזן, נאָר ער האָט צוגע־הונקען און געווען זייער דערשלאָגן. ווייזט זיך ארויס, אז יודקען האָט גערא־טעוועט זיינער א גוטער ברודער, דער קאָדנער מילנער. אָוונטצייט גייט זיך אזוי ארויס דער מילנער אויף זיין גרעבליע, שטייט זיך אזוי רואיק, גלעט בעת־מעשה דעם בייכל און הערט זיך אזוי צו צום גערויש פון וואסער, צום ריטשען פון בוהאי אין בליושטש. און דער אָוונט איז געווען א קלאָרער, א שיינער, מחיה! פּלוצלונג דערזעט ער: עס פליט „עפּעס" איבערן הימל. ער קוקט זיך צו נעענטער, יע, ס'איז דער כאפּער; ער שלעפּט א מוראדיק גרויסן יידן. נו, קלערט זיך דער מילנער, שוין איינמאָל א ייד, נאָך אזא יידן איז גאָר ניט צו געפינען; ניט אנדערש, מיין שטענדיקן קונד יודקען האָט ער דער כאפּער היינטיקס מאָל געמוזט א פּאק טאָן. פארשטייט זיך, ווען ניט דאָס, וואָס יודקע פּלעגט ביי אים שטענדיק קויפן מעל, וואָלט דעם מיל־נער גאָרניט איינגעפאלן ארייגלייגן זיך אין דעם ענין. דאָ אָבער האָט ער זיך מרחם געווען אויף זיין אלטן באקאנטן און, טופנדיק מיט די פיס, האָט ער אויסגעשריען ניט מיט זיין קול: „אהער, ס'איז מיינס!" דער כאפּער האָט אָפּגעלאָזט זיין קרבן און האָט אויפגעפלאטערט אין דער הויך, מאכנדיק מיט די פליג־לען, ווי אן אונטערגעשאָסענע פויגל. דער אָרימער יידל האָט זיך אראָפּגע־שעדיקט פון אויבן גלייך אויף דער גרעבליע און זיך שטארק צוממיתט.

יודקע איז שוין געווען א יש און בפרט נאָך, אז אלע האָבן דאָך גע־זען, ווי פון דאמאָלסט אָן האָט ער געקוליעט. דעריבער האָט זיך שוין מאָר־דעלע ניט געאמפּערט: טאקע, ביי יידן טרעפן א סך זאכן. די מעשה־יודקע האָט געבראָכן זיין סקעפּטישע קשנות.

— יע, און מאָשקע האָט מיר נאָך דאמאָלסט נאָך א סך־א סך דער־ציילט. אויך ווי אזוי קינדער ווערן געבוירן.

— נו?

— ער זאָגט, אז ביי גאָט זיינען פאראן צוויי מלאכים: איינער נעמט

ארויס ביים מענטשן די נשמה; דער צווייטער אָבער ברענגט נשמות פון יע־
נער וועלט. און אַט, אז ביי עמיצן דארף געבוירן ווערן א קינד, ווערט די
פרוי קראנק.

— פארוואָס?

— דערפאר, ווייל גאָט שיקט ביידע מלאכים פאראמאָל: מארש ביידע
אויף דער ערד צו פלוני בן פלוני און ווארט אויף מיין באפעל. דערנאָך,
אויב גאָט איז אויף דעם מענטשן ניט אין כעס, זאָגט ער: לייגט אוועק
א קינד לעם דער מאמען און גייט ביידע אוועק. די מאמע ווערט דאן ווי־
דער געזונט. אמאָל אָבער זאָגט ער: טויט, נעם צו דער מאמעס נשמה! דא־
מאָלסט שטארבט די מאמע. עס טרעפט אויך, אז ער זאָגט: אי די מאמע, אי
די קינד — שטארבן דאמאָלסט ביידע.

— ווייסט, — האָט צוגעגעבן בעל מוח: — ס׳קען זיין, אז עס איז טאקע
אמת אזוי, ווייל שטענדיק, ווען עס דארף געבוירן ווערן א קינד, האָט מען
מורא. די מאמא האָט אויך דאָ ניט לאנג געזאָגט: און טאָמער שטארב איך.

— די מומע קאטיע איז טאקע געשטאָרבן.

— א הא, זעסטו.

— ווייזט אויס, אז דאָס מוז זיין א שרעקלעכער מלאך.

— ניין, פארוואָס... כ׳מיין, אז ניט זייער קיין שרעקלעכער. ער טוט
דאָך דאָס ניט מיט זיין אייגענעם ווילן. מיינסט, אז אים איז עס
אזוי אנגענעם, ווען אלע וויינען צוליב אים? וואָס קען ער אָבער טאָן? גאָט
הייסט — מוז ער פאָלגן. ער טוט דאָך ניט אליין

— און דאָס האָסטו באמערקט, נאָך קאטיעס טויט, ווי מאָדנע עס זיי־
נען געוואָרן די אויגן ביי היינריכן?

— טונקל.

— ניין, ניט טונקל, — גרויס.

— גרויס און טונקל. און ער שטיפט שוין מער ניט מיט אונז, ווי א מאָל.

— ער רייסט זיך ארום מיט מיכאאילן.

— איך ווייס, פארוואָס ער כּעסעוועט זיך. כ׳האָב געהערט, ווי זיי האָבן זיך שטארק געקריגט. מיכאאיל זאָגט: אז א מענטש שטארבט ווערט פון אים א פראָשעק — און אויס. הײנריך אָבער זאָגט, אז דער מענטש גייט ארויף אויף יענער וועלט און קוקט פון דאָרטן אראָפּ מיט רחמנות.

— טו איז וואָס. פארוואָס זשע דארף מען זיך דאָ כּעסעווען?

— ע, פארשטייסט: ווײבאלד פון א מענטשן ווערט א פּראָשעק, הייסט דאָך, אז פון קאטיען אויך. און דאָס וויל ער ניט... ער האָט איר ליב.

— ווי אזוי האָט ער איר ליב, אז זי איז ניטאָ?..

— ער האָט ליב.

בּיידע זיינען אנטשוויגן געוואָרן. ווייל קיינעם פון זיי איז ניט איינגע־פאלן אראָפּנעמען דעם קאָפּעטש פון דער ליכט, האָט זי זיך אזוי אָנגעבּרענט, אז דער קנויט איז געוואָרן, ווי א בעטקע; דער צוגעדריקטער פלאם האָט זיך געצויגן אויף דער הויך, ווי צונגען, אזוי ציען זיך די צווייגן בּיי א בּוים מיט אן אראָפּגעהאקטער קאָפּ; דער בּאלויכטענער שטח איז דערפון נאָך מער בּאגרענעצט געוואָרן. ס׳איז ניט געווען צו זען ניט קיין וואנט, ניט קיין פּאָ־לאָפּ, ניט קיין פענסטער. די פינסטערניש איז געהאנגען איבער די קינדער, ווי א יארמעלקע, וואָס פלעגט זיך טרייסלען און וויגן. און דאָס פליושקען זיך פון די רעגנטראָפּנס און דער גערויש פון די בּיימער האָט איצט, דוכט זיך, שוין ארייננעדרונגען אין צימער גופא און אָפּגעקלונגען אין דער פינסטער. די בּיידע יינגלעך האָבן געפילט, אז אזא משונהדיקע נאכט איז נאָך קיינמאָל ניט געווען.

איצט איז שוין פאר די קינדער קלאָר געווען די סיבה פון אָט דעם געפיל. דער מאמעס קראנק זיין און איר פאַרגעפיל, די אומרואיקע צארט־קייט פון טאטן, די זכרונות פון דער מומע קאטיעס טויט, און אָט די אומ־געוויינלעכע באוועגונג, דער ריידן, די טריט דאָרטן, אין דער צווייטער העלפט, עמיצנס געוויין און עמיצנס קרעכצן — דאָס אלץ צוזאמען האָט בא־קומען א פאָרם. הגם דער קרעמער מאָשקע איז געווען פאר זיי א שווא־כער אויטאָריטעט, פונדעסטוועגן האָט אפילו דער סקעפטישער מארק ניט גע־פונען קיין ווערטער זיך אנטקעגנצושטעלן דעם רעיון, וועלכן ס׳האָט דאָ נאָר־וואָס אנטוויקלט בעל־מוח. א ניי לעבן האָט זיך געקלאפט צו זיי אין שטוב, האנט ביי האנט מיט אים איז געגאנגען דער טויט, וואָס האָט איבער זייער שטוב פארשפרייט זיינע שווארצע פליגלען און שטייט און וואַרט; זיין אָטעם און דער מאמעס שוואכע קרעכצן האָבן אָנגעפילט די קינדערשע נשמהלעך מיט שרעק און רחמנות.

— הער! — האָט שטיל געזאָגט מאָרדעלע.

— וואָס? — האָט נאָך שטילער געפרעגט וואסיע.

מארק האָט זיך אָנגעבויגן, ריכטיק, ווי ער וואָלט מורא געהאט, זיין קול זאָל ניט ארייננדרינגען דאָרטן, הינטער דער טונקעלער יארמעלקע, וואָס האָט זיך געוויגט איבער זייערע קעפּ.

— הער... אויב אזוי, זיינען זיי ביידע, הייסט עס...

— יע... אָט דאָ ערגעץ, ניט ווייט... — א ציטער האָט זיי פלוצלונג ארומגעכאפּט.

— לאָמיר אויפוועקן די מיידלעך.

— און אויך דער ניאניע... גיי, וועק אויף.

— איך... כ׳האָב מורא.

— און... און איך אויך, — האָט זיך מודה געווען דער העלדישער מארק.

די ברידער האָבן זיך אינסטינקטיוו צוגערוקט איינער צום אנדערן און צו דער ליכט. די פינסטערניש, וואָס איז ביז איצט געהאנגען פון אויבן, האָט שוין איצט פארשלונגען דעם אויוון, די וואנט, די בעטן און דעם שכנישן צימער מיט די מיידלעך און דער ניאניע און אפילו אויך דעם רעיון וועגן זיי. דער רוישן און מורמלען פון דרויסן זיינען שוין איצט אינגאנצן אריין אהער, און עמיצער האָט עפּעס שטיל־שטיל געריעדט סאמע איבער די קעפּ פון די צוויי ברידער, געמורמלט עפּעס אומפארשטענדלעכעס, נאָר, ווייזט אויס, זייער וויכטיקעס.

אזוי זיינען אריבער עטלעכע מינוט. אפשר וואָלט עס זיך נאָך אזוי געצויגן לענגער, ווען מארקן זאָל ניט איינפאלן פלוצלונג אראָפּנעמען דאָס אָנגעבריענטע פון איבער דער ליכטל. ווי נאָר ער האָט עס געטאָן, האָט זיך דער פלאם באלד אויסגעלייכט, די יארמעלקע איבער זייערע קעפּ איז צורונען געוואָרן; ס'האָבן זיך אנטפּלעקט דער פּאָלאָפּ, די וועגט, דער אלטער באקאנטער אויוון מיטן פארראיכערטן שיבער, די בעטן מיט די צוקנייטשטע בעטגעוואנט און מיט די אראָפּגעוואָרפענע קאָלדרעס אויף דער פּאָדלאָגע, און די טיר, וואָס פירט צו די מיידלעך אין שלאָפצימער. אויך דער גערויש איז ארויס פון צימער, און אנשטאָט דעם מורמלען, האָט זיך געהערט, ווי איינצלנע ריטש־קעלעך פליושקען זיך אין הויף.

— כ'גיי אויפוועקן — האָט געזאָגט מאָרדעלע, אויפהייבנדיק זיך און פארנעמענדיק זיך צום צימער פון די מיידלעך. — ניאניע, ניאניע, שטיי אויף! — האָט ער געטורקעט דער אלטער.

די ניאניע האָט זיך אויף גיך אויפגעזעצט אויף איר בעטל מיט אויס־געדאטשעטע, פארוואונדערטע אויגן.

— וואָס? שוין? — האָט זי אויסגערופן דערשראָקן — און איך אלטע האָב גאָר פארשלאָפן!

זי האָט פארריכט איר קאָפּקע, וואָס פון אונטער איר האָבן זיך ארויס־געשלאָגן גרויע פּאסמעס האָר, און, אָנטועגדיק גיך די קאמאשן, האָט זי ארויפגעכאפּט אויף זיך די פאטשיילכל.

— רואיק זאָל זיין! ארטיק זאָלט איר זיצן! איכל באלד קומען

און די אלטע איז אין איין אייַלעניש ארויס אין קאָרידאָר. באלד זיינען אירע טריט פארשלונגען געוואָרן. מארק האָט געקוקט אויפן ברודער מיט א טרויעריקער אנטוישונג.

— אוועק! אָט א נאר! — האָט ער געזאָגט.

— שוין גלייכער געווען ניט צו וועקן. איצט זיינען מיר גאָר אליין.

— לאָמיר אויפוועקן די מיידלעך.

די מיידלעך האָבן אָבער פון טומל זיך שוין געהאט אליין אויפגעכאפּט.

מ׳האָט געהערט, ווי די עלטערע העלפט דער יינגערער ארויסקלייבן זיך פון בעטל און אינגיכן האָבן זיי זיך ביידע באוויזן אין טיר, האלטנדיק זיך פאר די הענטלעך.

— גוטן אָוונט, מיינע הערן, אָט זיינען מיר אויך דאָ! — האָט געזאָגט מאשע פריילעך און מיט א אָנשטעל. באמערקנדיק, אז די ניאניע איז ניטאָ, האָט זי גערעדט הויך און פריילעך.

— שטילער, בהמה! — האָט איר איבערגעריסן מארק, — די מאמע געבוירט א נייע מיידעלע און זי שרייט...

— שא, אלע שא! — האָט געזאָגט דער עלטערער, זיך צוהערנדיק. די מיידלעך האָבן זיך רואיק אוועקגעזעצט לעבן דער ליכטל און זיינען אויך אנטשוויגן געוואָרן.

VII.

דער רעגן, ווייזט אויס, האָט שוין אינגאנצן אויפגעהערט. דער פריער־דיקער אָנסופיקער גערויש האָט זיך צעריסן, און דעריבער זיינען בולטער געוואָרן די ווייטערדיקע קלאנגען: דאָס וויגן זיך פון די שפּיצן פון די ביימער, דער בילן פון א פארשלאָפענעם הונט און נאָך עפּעס א מין שטילער גערויש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ווייט, זייער ווייט, אויפן סאמע עק וועלט און וואָס האָט אלץ געוואָקסן און זיך געקייקלט אלץ נאָענטער און נאָענטער.

— מ׳פאָרט, — האָט געזאָגט מאָרדעלע.

— ווייט, אין שטאָט...

פון צווישן שלאָף און שטילקייט פון דער נאכט, וואָס פלעגט געשטערט ווערן דורכן פליוסקען זיך פון וואסער איבער די וואסער־רינעס און רוישן פון ווינט, האָט אט דער נייער איינזאמער קלאנג פון רעדער ניט־ווילנדיק צוגעצויגן די אויפמערקזאמקייט. ווער פאָרט עס? וואו פאָרט מען עס אין דער דאָזיקער משונהדיקער נאכט?... וואסיע האָט זיך פארקלערט. אים האָט זיך פאָרגעשטעלט, אז ערגעץ ווייט־ווייט פאָרט איבער די פינסטערע און ליי־דיקע גאסן א קליין קארעטקעלע, דווקא א קליינע, מיט קליינע געשמידטע רעדעלעך, ווייל אויך אָט דער מעלאָדישער קלאנג האָט אויסגעוויזן קליין און שטיל, הגם געהערט האָט מען אים דייטלעך; קליינע פערדעלעך קלאפּן צו מיט זייערע קליינע קאָפּיטעלעך איבערן ברוק און א קליינער קוטשער פאר־נעמט זיך צום בייטשל. ווער קען דאָס פאָרן אזוי שפּעט איבער די גאסן פון דער שלאָפנדיקער שטאָט?

די רעדער האָבן געקלאפּט, האָבן זיך געקייקלט אלץ נאָענטער, אלץ גיכער... דערנאָך איז דער רעש פאראמאָל איבערגעריסן געוואָרן, און ס׳האָט זיך געהערט נאָר א שטילער סקריפּען איבער דער נאסער, ניט־געברוקירטער וועג; אָט גיט א קלונג דער ראָד־רייף, אָנקלאפּנדיק זיך אָן א שטיינדל, אָט

גיט א סקריפ די הילצערנע בויד פון דער קארעטע און אלץ דייטלעכער, אלץ נאָענטער.

— מיטן פעלד פאָרט ער... צו אונז, — האָט געזאָגט מאָרדעלע.

די הויז זייערע איז געשטאנען אויפן עק שטאָט, הארט לעם א ברייטן, וויסטן פליאץ, וואָס איז געווען פארוואָקסן מיט ווילדע גראָז און קוסטעס. ווער-זשע האָט עס געקענט פאָרן צו זיי ביינאכט, און נאָך אין אזא נאכט, ווען אלץ איז אזוי מוראדיק, משונהדיק און ביי זיי דארף געבוירן ווערן א קינד? און באלד טאקע האָט דער קלאפּן פון דער קארעטע, וואָס דערנעענטערט זיך, פארייניקט זיך מיט דעם אלעמען, וואָס איז געווען אזוי אומגעווייגלעך, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי זיי אין דער דזשיקער נאכט...

די קינדער האָבן געהערט, איינהאלטנדיק דעם אָטעם, ווי ס'האָט זיך געעפנט דער טויער, ווי די רעדער האָבן געראַשט איבערן הויף; מ'איז צוגעפאָרן צום גאניק. די אומרואיקייט און באוועגונג דאָרטן, אין דער צווייטער העלפט האָבן זיך פארשטארקט; ס'האָבן אָנגעהויבן אָפטער צו קלאפּן די טירן.

— דאָס האָט מען געבראכט דעם עופעלע? — האָט א פרעג געטאָן מאשע.

— שווייג!..

וואסיע האָט זיך צוגעהערט, און זיין פאנטאזיע האָט אים שוין געמאָלט א מאָדנעם בילד: מלאָכים שטייגן אויס פון דער קארעטע; פאָרזיכטיק טראָגן זיי אן עופעלע, גיבן עס איבער זיין מאמא און זאָגן איר: מזל-טוב, גאָט צו דאנקען, גאָט צו דאנקען! נעמט אים זיך און זייט אלע געזונט...

נאָר מאָדנע! אין שטוב איז אזוי שטיל, קיינער פרייט זיך ניט. דער גערודער איז אריבער, די טירן האָבן אויפגעהערט קלאפּן. עמיצער איז אויף די שפּיץ-פינגער צוגעגאנגען אין קאָרידאָר צו דער טיר, וואו ס'האָט געוויינט

די אלטע מומע, וועלכע פלעגט קיינמאָל ניט פאַרלאָזן איר צימער, און וואסיע האָט דייטלעך געהערט:

„— א דאנק גאָט, שוין געקומען! איצט וועט שוין אלץ זיין גוט".

„— אָך מאדאם, פרי צו פרייען זיך! ליגט נעבעך א פארחלשטע. דער אויבערשטער זאָל זיך מרחם זיין..."

דערנאָך האָט די טיר א סקריפּ געטאָן, און אלץ איז ווידער שטיל געוואָרן. אין א מינוט ארום איז אין קינדערצימער אריינגעלאָפן די ניאניע. די פּאסמעס גרויע האָר האָבן זיך שוין אינגאנצן ארויסגעשלאָגן פון אונטער דער קאָפּ־טיכל, איבערן צעקנייטשטן פּנים האָבן געגרונען טרערן. ניט קוקנדיק אויף די קינדער, האָט זי א זוך געטאָן ביי זיך אין קערבל, פארקראָכן צו זיך אויפן בעטל און, אז זי איז צוריק ארויסגעלאָפן, האָבן די קינדער דערזען אין שלאָפצימער א רויטלעכן פייערל. פארן הייליקן בילד האָט שטיל געברענט „די שרעקלעכע ליכט", „די שטורעם ליכט".

די מיידלעך האָבן גאָרניט פארשטאנען, וואָס דאָ קומט אזוינס פאָר און האָבן רק געקוקט פאָרויס מיט ברייט אויסגעראטשעטע אויגן; די ברידער האָבן געקוקט איינער אויפן אנדערן און געוואוסט: ווער וועט זיך דער ערשטער צוויינען. דאמאָלסט וואָלט דער קינדערצימער איבערפולט געוואָרן מיט א מוראדיקער יללה... נאָר ס'איז געווען צו שרעקלעך... פון הויף האָט זיך דערטראָגן א פארשטיקטער, בייזער קול, און די קינדער האָט זיך שוין ניט אויסגעדוכט, אז דאָס איז דער רוישן פון ווינט אין סאָד...

פּלוצלונג האָט זיך די ווייטע טיר ווידער געעפנט, און עמיצנס א מאָדנער רואיקער און זיכערער קול האָט הויך אויסגערופן:

— אויסגעצייכנט! אויסגעצייכנט! מזל־טוב! — און עפּעס א לאנגער פרייער זיפץ, וועלכן די קינדער איז אויסגעקומען צו הערן דעם ערשטן מאָל אין זייער לעבן, האָט זיך שטיל דורכגעטראָגן איבערן גאנצן שטוב און אויסגעלאָשן געוואָרן...

וואסיען איז פלוצלונג עפעס זייער פריילעך געוואָרן, כאָטש אין קאָפּ האָט זיך אים נאָך אלץ געפּלאָנטערט... ער האָט ניט געוואוסט, וואָס עס באַ־טייט אָט דער מאָדנער קול, און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז ער שלאָפט איין. די אָנשטרענגונג פון דער נאכט האָט גובר געווען: שורע האָט געדרעמלט זיצנדיק, און די קינדער האָבן געאָרנט באמערקט, ווי עס לויפט די צייט.

— און איך ווייס, ווער ס'איז צוגעפאָרן — האָט פלוצלונג געזאָגט מארק, וועלכער האָט געקעמפט מיטן שלאָף. זיינע ווערטער אָבער זיינען ווי פארגליווערט געוואָרן ביי אים אויף די ליפן. די טיר האָט זיך ווידער גע־עפנט, נאר איצט האָט מען שוין קיין שום קלאנגען, אחוץ דעם וויינען פון אן עופעלע, ניט געהערט. און געוויינט האָט דאָס עופעלע מיט א מאָדנעם, א גאָר באזונדער דינינקן, זיך פארגייענדיקן קולכעלע, נאָר עקשנותדיק און הויך...

ס'איז אויסגעקומען אזוי אומגעריכט און אזוי דייטלעך, אז די קליינע שורעלע אפילו האָט זיך אויפגעכאפּט, אויפגעהויבן די קעפּל און געזאָגט:

— א טי־י־ינד'עלע... וו־ע־יינט.

אגב, ווייזט אויס, איז זי דערפון ניט זייער נתפעל געוואָרן.

דערפאר האָבן אלע איבעריקע אויפגעשפּרונגען פון די ערטער. מאשע האָט אָנגעהויבן פּאטשן אין די הענטלעך, און מארק האָט זיך א לאָז געטאָן צו דער טיר.

— אהין, קום!

וואסיע איז אוועק נאָך אים, נאָר ביים שוועל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

— מ'עט שרייען אויף אונז?

— א דאגה, איין מאָל, שאדט ניט... — האָט בארויקט מארק.

און געוואָלט האָט ער זאָגן, אז דווקא איצט, אין דער הייניטיקער נאכט איז אלץ ערלויבט. — און איר, מיידלעך, בלייבט דאָ...

מאשע האָט זיך אָנגעכאַפּט.

— געזען א חכם! בלייב דו דאָ, אויב דו ווילסט... קום, שורעלע, קום, טייערינקע! — און זי האָט אויף גיך אויפגעהויבן שורעלען.

— לאָזן זיי אויך גיין! — האָט אונטערגעהאלטן וואסיע, פארשטייענדיק גאַנץ גוט, אז ער אליין וואָלט אויך ניט געבליבן.

ווען זיי האָבן געעפנט די טיר אין קאָרידאָר, האָט אויף זיי א בלאָז געטאָן א ווארעמער, פייכטער ווינט. גאָר אומגעריכט איז דער קאָרידאָר געווען באלויכטן; אויפן סאמע עק, ביים ארויסגאנג, האָט עמיצער פארגעסן א חלבנע ליכטל אין א לייכטער. זי האָט זיך אײַנגאנצן צעשמאָלצן, דער ווינט האָט געוויגט דעם פלאם, באפליגלטע שאָטנס האָבן ארומגעטאנצט איבערן גאנצן קאָרידאָר, מיניענדיק אויף די ווענט, באהאלטנדיק זיך אין די ווינקלען, און די שווארצע לאָך פון אויוון, וועלכע איז געשטאנען אינמיטן, האָט, דוכט זיך, אויך באוועגט זיך, שווימענדיק פון איין אָרט אויפן אנדערן. בכלל איז דער קאָרידאָר אין דערדאָזיקער נאכט אויך געווען גאָר אנדערש, עפּעס אומגעווײנלעך. דורך דער האלב־אָפענער טיר האָט ארייַנגעקוקט פון דער זייט דער בלוער נאכט־הימל, און די שווארצע קעפּלעך פון סאָד האָבן זיך געוויגט און גערוישט. ווען די קינדער זיינען צוגעגאנגען צום עק קאָרידאָר, האָט דער ווינט ארומגעכאפּט זייערע באָרוועסע פיסלעך.

די טיר „צו דער צווייטער העלפט" איז געווען ניט ווייט פונם ארייַנגאנג. מארק איז געגאנגען פאָרויס און, אויפהייבנדיק זיך אויף די שפּיץ־פינגער, האָט ער דער ערשטער שטיל געעפנט די טיר. די קינדער, איינער נאָכן אנדערן, האָבן זיך אריינגעגנבעט אין ערשטן צימער.

די אזוי גוט־באקאנטע צימערן האָבן איצט אויך גאָר אנדערש אויסגעזען. פריער פאר אלץ האָבן די קינדער געכאפּט א קוק אויף דער טיר, וואָס פירט צו דער מאמען אין שלאָפצימער. שטיל איז דאָרטן געווען, א שוואכער

פּייערל האָט דאָרטן קוים־קוים געמיניעט, געטוקט זיך און מ׳האָט נאָר גע־קענט ארויסזען די פיגור פון טאטן, וועלכער האָט זיך צארט איבערגעבויגן איבערן צוקאָפּנס פון דער בעט... א טונקעלע פיגור פון אן אומבאקאנטער פרוי פלעגט פון צייט צו צייט, ווי א צעשמירטער שאָטן, פארביילויפן דעם שלאָפצימער.

מארק האָט א צי געטאָן וואסיען פארן ארבל.

— איצט זעסטו, ווער ס׳איז געקומען?

— ווער?

— אָ! דער פעטער היינריך און... מיכאאיל.

וואסיע האָט אָפּגעקערט די אויגן פון דער ווייטער טיר און האָט פאר־קוקט אין מיטלסטן צימער, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם שלאָפצימער פונם פּאָרצימער. פריער איז עס געווען דער גאסטצימער, איצט אָבער איז דאָרטן אלץ געווען גאָר אנדערש איבערגעשטעלט. טאקע! אָט זיצט דער פעטער היינריך פארקלערט אויף א שטול, קאמע אונטערן היינגלאָמפּ; פונם בלייכן פנים זיינעם טיילן זיך אויס נאָר די גרויסע אויגן, וועלכע זיינען איצט די קינדער אויסגעקומען נאָך גרעסער, ווי אלעמאָל. מיכאאיל, אָן א רעקל, מיט פארקאטשעטע ארבל, האָט געווישט די הענט אָן אן האנטעך.

— וואָס זאָל מען איצט טאָן? — האָט געפרעגט פארלאָרן וואסיע. אין אלע פּראקטישע ענינים פלעגט ער איבערגעבן די בכורה מארקן.

— כ׳ווייס ניט — האָט יענער געענטפערט, פאררוקנדיק זיך אין שאָטן. אלע קינדער זיינען אוועק נאָך אים. דאָס, וואָס היינריך און מיכאאיל זיינען דאָ איצט פאראן, איז זיי אויסגעקומען זייער קשהדיק. היינריך איז פריער געווען זייער א פריילעכער, ער פלעגט זיך שפּילן מיט די קינדער, קיצלען זיי, אויפהייבן אינדערהויך. מיט א יאָר צוויי צוריק איז ביי אים גע־בוירן געוואָרן שורע, און די ווייב זיינע איז געשטאָרבן. פון דאמאָלסט אָן

איז ער אוועק אין אן אנדער שטאָט און פלעגט זיי זעלטן באזוכן. און אז ער איז געקומען, איז ער שוין אויך ניט געווען דערזעלבער; די קינדער האָבן באמערקט, אז ער האָט זיך זייער אומגעביטן. אמת, ער איז געווען צו זיי גאנץ צארט און צוגעלאָזן, נאָר די קינדער האָבן געפילט, אז עס איז שוין ניט דאָס, וואָס פריער: ס'האָט עפּעס געשטערט, און ניט פריילעך איז זיי שוין געווען מיטן פעטער היינריך. איצט האָט ער זיך טיף פארטראכט, און דער עיקר אין די אויגן איז געווען אזוי פיל צער און טרויער.

מיכאאיל איז געווען אסך ייִנגער פארן ברודער. ער האָט פארמאָגט א פּאָר בלויע הימל-אויגן, העל-בלאָנדע האָר אין דראָבנע קרייזעלעך און א רעגלמעסיקן, זייער ווייסן, פריילעכן פּנים. וואסיע האָט אים נאָך געדענקט אלס גימנאזיסט אין א רויטן קאָלנער און מיט בלישטשעדיקע קנעפּ — נאָר דאָס איז שוין געווען לאנג, גאנץ לאנג. דערנאָך איז ער אראָפּגעקומען פון קיעוו אין א בלויעם סטודענטן-מונדיר און מיט א שווערדל ביי דער זייט. די עלטערע האָבן דאמאָלסט געזאָגט, אז ער ווערט שוין א מענטש. ער האָט זיך פארליבט אין א פריילין, האָט געמאכט איינמאָל אן „אפּעראציע" און גלויבט שוין ניט אין גאָט, אלע סטודענטן הערן אויף צו גלויבן אין גאָט, ווייל זיי פאלמעסן טויטע און האָבן שוין פאר קיין שום זאך ניט מורא. אויף דער עלטער אָבער הייבן זיי צוריק אָן צו גלויבן און בעטן ביי גאָט מחילה. און אמאָל בעטן זיי קיין מחילה אויך ניט, דאמאָלסט ווערט זיי טאקע שלעכט, ווי דעם דאָקטאָר וואָיצעכאָווסקען. אזעלכע שטארבן שטענדיק פּלוצלונג, און עס פּלאצט ביי זיי דער בויך, ווי ביי וואָיצעכאָווסקען.

מיכאאיל פלעגט קיינמאָל די קינדער ניט באמערקן, און עס פלעגט ביי זיי דעריבער אויסקומען, אז ער האָט זיי פיינט צוליב צוויי סיבות. ערשטנס, ווייל זיי זיינען נאָך ניט אויסגעוואָקסן, און צווייטנס — ווייל ער אליין איז נאָך ניט לאנג אויסגעוואָקסן און האָט נאָך כמעט קיין וואָנסעס ניט. איצט, ווען ער איז צו צום לאָמפּ, האָבן די קינדער זיך ממש פארוואונדערט, ווי

ער האָט זיך פאר דער לעצטער צייט געביטן: ער איז געווען אין א שפּאָגל־נייעם מונדיר און האָט שוין פארמאָגט גאנץ פיינע וואָנסעס און אפילו א בערדל; ער איז טאקע באמת שוין געוואָרן א גרויסער. דער פנים א צו־פרידענער, אפילו א שטאָלצער. די אויגן האָבן געבלישטשעט, און די ליפּן האָבן געשמייכלט, כאָטש ער האָט זיך באמיט האלטן זיך ערנסט...

אָנטועענדיק דעם מונדיר, האָט ער ניט אויסגעהאלטן און צונויפדרייענ־דיק א פאפיראָס, האָט ער געזאָגט היינריכן:

— וואָס וועסטו זאָגן, זשעני, ווי איך האָב מיך דאָ ארומגעטאָן? און גראָד א שווערער פאל. דער אלטער חמור, רודניצקי, וואָלט דאָ געוויס ארי־בערגעפּעקלט אויף יענער וועלט דער מאמען, אָדער דעם קינד און נאָך אפשרביידן צוזאמען..

היינריך האָט אָפגעפירט די אויגן פון וואנט און געענטפערט:

— ביסט א כוואט, מישע! יע, מיר האָבן באוויזן צו קומען אהער צו דער רעכטער צייט. ווער ווייס, ווען מיט צוויי יאָר צוריק... ביי מיין קאטיען..

זיין קול איז פארשטיקט געוואָרן... ער האָט זיך אָפגעקערט.

— און פונדעסטוועגן, — האָט ער געזאָגט, — געבוירן און שטארבן... ווי נאָענט... צוזאמען... יע, ס׳איז א גרויסער סוד!.

מיכאאיל האָט א קוועטש געטאָן מיט די פּלייצעס.

— דער סוד אָבער, ברודער, איז אונז באקאנט ביז זיין ערשטער סיבה, כמעט ביז זיין עלעמענטארן קעמערל...

די קינדער האָבן געגאפט און ניט געוואוסט, אויף וואָס זיך אנטשליסן. ערשטנס, איז אלץ אויסגעקומען אזוי וואָכעדיק, שוין צו וואָכעדיק; צווייטנס, האָבן זיי פארשטאנען, אז אפילו אין אָט דער דאָזיקער נאכט קענען זיי אויך בא־

קומען א רעכטן פסק פאר זייער עובדא, און אפילו נאָר אַן אויסרייד פאר מיכאאילן אין די אויגן, וואָלט זיי געווען זייער און זייער ניט אנגענעם. װער ווייס, וואָס עס וואָלט ארויס פון אָט דעם אומבאשטימטן מצב, ווען ניט אַן אומגעריכטער צופאל.

די טיר ביים ארייננאנג האָט א סקריפ געטאָן, האָט זיך עסוואָס אויפגעפּנט, און עמיצער האָט ארייננעקוקט דורך דער שפּארונע, די קינדער האָבן געמיינט, אז דאָס האָט די ניאַניע זיך סוף־כל־סוף ארומגעזען, אז זיי זיינען ניטאָ, און געקומען זיי זוכן. די שפּארונע איז ברייטער געוואָרן, און ס׳האָט זיך דורך איר ארייננערוקט עפּעס אן אומבאקאנטע קאָפּ מיט נאסע האָר און באָרד. די קאָפּ האָט זיך פּחדליווע ארומגעקוקט, און א פרעמדער פויער איז שטיל ארײַן אין פּאָרצימער. ער איז געווען אין א ווייסער בורקע מיט א בייטש צווישן פּאס, און אויף די פּיס האָט ער געטראָגן מוראדיק גרויסע שטיוול. די קינדער האָבן זיך צוגעדריקט צום וואנט לעם קעסטל.

דער פויער האָט געטופּעט מיט זיינע שטיוול אויף איין אָרט, האָט לייכט א הוסט געטאָן און בכיוון אזוי שטיל, אז קיינער אין שלאָפצימער זאָל אים ניט הערן. אלע באוועגונגען זיינע זיינען געווען אומדרייסטע, און די טיר הינטער זיך האָט ער געלאָזן האלב אָפן, ריכטיק, ווי ער וואָלט דערמיט זיך פארזיכערט דעם צוריקגאנג אין פאל, אויב ס׳וועט האלטן שלעכט. א הוסטטוענדיק נאָך אמאָל און נאָך שטילער ווי פריער, האָט ער אָנגעהויבן קראצן די פּאטילִיצע. אויגן האָט ער געהאט בלויע, א בערדל — א העל־בלאָנדע, און די מורא און פארצווייפלונג וואָס ס׳האָט אויסגעדריקט זיין פנים, האָבן ניט ווילנדיק צוגעצויגן צו זיך די סימפּאטיע פון די קינדער.

דער אומרואיקער שעפּטשען פון די קינדער און אויך די רגילות צו האלבפינסטערקייט, וואָס אָט געהערשט אין פּאָדערצימער, האָבן דעם אָנגעקומענעם אומבאקאנטן באלד אָנגעוויזן זיינע שכנים. ער איז, ווייזט אויס, דערפון ניט נתפּעל געוואָרן. זיין פנים האָט אויסגעדריקט צוטרוי און פרייד.

שטיל אויף די שפּיץ־פינגער, כּמעט זייער אומגעלומפּערט, איז ער צו צום קעסטל.

— זאָל איך... מ'איר באַפעלן אויסשפּאַנען די פערד? — האָט ער גע־פרעגט מיט אַזאַ מין קינדערשן צוטרוי צו זייער „באַפעל", אַז די קינדער זיינען שוין אינגאַנצן געקומען צו זיך.

— איר האָט דאָס געבראַכט דעם פּיטשינקן? — האָט אַ פרעג געטאָן מאשע.

— ע, וואָס פאַר אַ פּיטשינקן? כ'האָב געבראַכט דעם פאַן מיטן פאַניטש... וואָס—זאָל איך אויסשפּאַנען, צי ווי?

— מיר ווייסן נישט, — האָט געזאָגט מאַרדעלע.

— טאָ טו אָט וואָס: גיי, פאַניטשעק, אַריין אָט דאָרטן, אין יענעם צימער און גיב אַ פרעג ביים פאַניטש מיכאַאיל, וואָס וועט ער זאָגן?

— גיי אַליין.

— איך, פאַרשטייט איר מיך, האָב מורא... מיר איז דאָס, מיר איז ניט דאָסיק... כ'מיין, אַז איר וואָלט פונדעסטוועגן אַריין, אייך איז באַקוועמער. מ'עט אייך גאָרניט טאָן.

— און דיר?

— עי, ס'אַרא ניט פאַרשטענדיקער דו ביסט, יאַטל, גיי שוין, גיי...

ער האָט אַרויסגעשלעפּט מאַרקן פון ווינקל און צוגעשטופּט צום טיר. מאַרק וואָלט זיך געוועסט בעסער לאָזן באַגראָבן לעבעדיקערייט, איידער באַווייזן זיך פאַר אַלעמען און דער עיקר פאַר מיכאַאילן אין אײן תּעמדל און אַזוי פּלוצלונג. נאָר דעם אומבאַקאַנטנס האַנט האָט אים פעסט געשטופּט פאָרויס.

— וואָס איז דאָס? עס יאָגט פון ערגעץ... — האָט זיך דערהערט דער מאמעס שוואכער קול. מיכאאיל האָט זיך אומגעדרייט אויפן שטול, און מארק האָט פארשטאנען, אז זיין גורל איז שוין באשלאָסן. ער האָט מיט כעס אָפּגע־שטופּט פון זיך דעם אומבאקאנטנס האנט און איז העלדיש ארויסגעטראָטן פאר די פארוואונדערטע צוקוקערס.

— ער זאָגט, אָט דער... — האָט מארק אָנגעהויבן הויך מיט א דייט־לעכן מיין, ארויפלייגן די גאנצע שולד פון זיין אומגעריכטן ווידוי אויפן פויער, — גיי דערוויס זיך, זאָגט ער, צי זאָל איך אויסשפּאנען, צי ניט?

— ווער, וואו? — האָט געפרעגט דער טאטע, וואָס האָט זיך אָנגעדרייט אויפן שמועס.

— דאָרטן, אָט דער פויער.

דער פויער אָבער האָט זיך דערווייל בגנבה ארויסגערוקט און זיך האלב באהאלטן הינטער דער טיר; ער האָט דיפּלאָמאטיש געוואַרט אויפן סוף פון דער שפּיל. דאָס באמערקנדיק, איז מאשע געוואָרן אויסער זיך.

— און דו, וואָס באהאלטסטו זיך? געזען, איינער קען: מארקלען אריינ־געטויסן, און אליין באהאלט ער זיך!..

אָט דער אריינמישן זיך האָט זיי אלעמען ארויסגעגעבן, מיכאאיל האָט גענומען פון קאָמאָדע די ליכט, אויפגעהויבן איר איבערן קאָפּ און באלויכטן די קינדער.

— הע, הע! — האָט ער אויסגערופן — דאָ איז דאָך א גאנצע כא־ליאסטרע, און כוועדקע־נאר אויך מיט זיי. כוועדקע, דאָס ביסטו דאָרטן א?

— טאָ ווער זשע, איך! כ׳האָב געוואָלט פרעגן, צי זאָל איך אויסשפּאנען?

— פארמאך די טיר, גלאָמפּ! — האָט אויסגעשריען מיכאאיל. — גיי ניט אוועק! ווארט אין פאָרצימער!

דער פויער האָט מיט גרויס אומחשק געפאָלגט.

— נו, איצט צום פסק: ווי אזוי קומט איר אהער, איר אזעלכע און אזעלכע? צו וואָס האָסטו זיי אהער געבראכט, כוועדקע?

— וועלכער שד האָט זיי דאָ געבראכט... איך בין נאָר געקומען פרעגן, צי אויסשפאנען. כ׳גיב א קוק — א פולער ווינקל, אָט וואָס! פון מיינעטוועגן! אָט זאָגט די קליינע פאנאָטשקע: דו האָסט געבראכט דעם פיטשינקן... הערסט א פיטשינקן, אן אקציע כ׳לעבן..

אלע האָבן זיך פונאנדערגעלאכט.

— נו, איצט דערציילט איר אליין. ווי זייט איר אהער געקומען?

ביידע יינגלעך האָבן אומעטיק אראָפגעלאָזן די קעפּלעך... זיי האָבן געוואַרט אויף עפּעס אומבאַוויינלעכעס, און אנשטאָט דעם זיינען זיי גאָר אריינגעפאלן אויף א פארהער, און נאָך צו מיכאאילן.

— מיר האָבן דערהערט, א פּיצעלע מיינט, — האָט זיך איין מאשע ארויסגעשטעלט.

— נו, איז וואָס?

— איז אונז געווען טשיקאווע, — האָט ברדוגלעך געענטפערט מארק — פון וואַגען?

— אָהאָ, אָהאָ! — האָט זיך אָפּגערופן הײנריך, וועלכער האָט דערווייל ארויפגענומען צו זיך אויף די הענט זיין שורען. — אָט דאָס איז א קשיא! פרעג אים — האָט ער אָנגעווייזן אויף מיכאאילן — ער ווייס אלץ.

מיכאאיל האָט מיט א מאָדנער גרינגשעצונג פארריכט די ברילן.

— אין גראָז געפונען, — האָט ער געזאָגט, א טרייסל-טוענדיק מיט די לאָקן.

מיכאאילס גרינגשעצונג האָט מארקן א נעם געטאָן.

— נאַרישקייטן, — האָט ער אויסגעדרופן אויפגערעגט. — מיר ווייסן, אַז דאָס קען ניט זיין. אויפן גאַס רעגנט, עס וואָלט זיך פאַרקילט.

— נישט איינס, — האָט זיך פונאנדערגעלאַכט היינריך — איין השערה אַראָפּ. אהער, מישע, די צווייטע.

— מ'האָט אַראָפּגעלאָזן פון הימל אויף א שנירעלע.

— יע, יע, דערציילט א מעשה... — האָט געזאָגט מאַרק, אַריינגייענדיק אַלץ מער אין דער בּרען. — ווייזט אויס, אַז איר אַליין ווייסט ניט. מיר אָבער ווייסן!

— טשיקאווע. מסתמא פונם אַלטן נאַר, דער ניאַניע?

— ניין, ניט פון דער ניאַניע.

— סאָ פון וועמען?

— פון... פונם יידן מאָשקע.

— נאָך בעסער! וואָס-זשע האָט ער אייך דערציילט, דער חכם-מאָשקע?

— דערצייל, וואַסיע! — האָט זיך מאַרק געווענדעט צו בעל-מוחן.

— דערצייל דו! — וואַסיע איז געווען זייער פאַרשעמט און האָט זיך געפילט זייער דערשלאָגן פון מיכאַאילס אָפּהוזקן. מאַרק אָבער פלעגט זיך ניט אַזוי לייכט אונטערגעבן אונטער יעמעמס שטימונג.

— וועל איך טאַקע דערציילן, וואַסי? — האָט ער הוצפּהדיק געזאָגט, אַרויסטרעטנדיק פאָרויס. — ביי גאָט זיינען פאַראַן צוויי מלאכים...

און ער האָט דרייסט אָנגעהויבן פונאנדערצווויקלען מאשקעס טעאָריע, באַפּוצט מיט וואַסיעס פאַנטאַזיע. וואָס ווייטער ער האָט גערעדט, אַלץ דרייסטער איז ער געוואָרן, ווייל ער האָט באַמערקט, ווי מיט זיינע רייד האָט געוואַקסן די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. אפילו די מאַמע האָט צוגערופן

דעם טאטן און געבעטן, אז מארק זאָל ריידן העכער, די זאָל אויך הערן. היינריך האָט אויפגעהערט צו צערטלען זיין שוועסטער און האָט אָנגעשטעלט אויף מארקן זיינע גרויסע אויגן; דער טאטע האָט געשמייכלט און ליבלעך צוגע-שאָקלט מיטן קאָפּ. אפילו מיכאאיל, כאָטש ער האָט איראָניש צוגעשאָקלט מיט דער רעכטער פוס, וואָס איז געווען פארלייגט אויף דער לינקער, איז, ווייזט אויס, אויך געווען שטארק פאראינטערעסירט.

— ס'איז טאקע אלץ... אמת? — האָט געפרעגט מארק, ווען ער האָט געענדיקט.

— אמת, אמת, מיין קינד! — האָט מיט הארץ אויסגערופן היינריך.

ראָ האָט מיכאאיל, וועלכער האָט מיט א מינוט פריער געזאָגט, אז קינדער געפינט מען אין גראָז, אומגעדולדיק זיך אויסגעדרייט אויפן שטול.

— גלויב ניט, מארק! ס'איז אלץ נארישקייטן! נארישע בבא מעשיות פון מאַשקען... און איינפאל! — האָט ער זיך אומגעדרייט צו היינריכן — פאר-האקן א קינדערשן מוח מיט אזוינע נארישקייטן.

— און דו? אַט נאָר וואָס מיט דיינע גראָז?

— דאָס איז ניט אזוי שעדלעך: דאָס איז א בולטער אבסורד, פון וועלכן די קינדער וועלן זיך זייער לייכט באפרייען.

— נו, טאָ דערצייל זיי דו, אויב דו קענסט...

— ווייסט דאָך, אז איך וואָלט געקענט...

— וואָס?

מיכאאיל האָט זיך אויך פונאנדערגעלאכט.

— דערציילן די פיזיאָלאָגיע, פּאָפּולער, פ רשטייט זיך... כ'מיין, אז דאָס וואָלט שוין געווען דער אמת.

— אומזיסט מיינסטו...

— וואָס הייסט?

— דו ווייסט אביסל און מיינסט, אז דו ווייסט אלץ... זיי אָבער פילן דעם סוד און סטארען זיך אים פארקערפערן אין בילדער... לויט מיין מיינונג זיינען זיי נעענטער צום אמת...

מיכאאיל איז אומגעדולדיק אויפגעשפרונגען פון שטול.

— יע, איך וואָלט דיר עפּעס געזאָגט, זשעני!.. נאָר ניט איצט איז די צייט. אָט האָסטו דיר די בעסטע מאָס: פּראָבירט איר אלע מיט אייער, אָדער, בעסער, מיט מאָשקעס טעאָריע, אויפטאָן דאָס, וואָס, ווי דו האָסט ניט לאנג געזען, מיר האָבן אויפגעטאָן מיט דער הילף פון דער פיזיאָלאָגיע... יע, איר וועט זיך צוגיסן, גיין קברים רייסן, אויף מלאכים ווארטן, און די קראנקע וועט אויסגיין...

— נו, און מיט דער פיזיאָלאָגיע שטארבט מען ניט? ווער ווייס דאָס נאָך בעסער, ווי איך... — האָבן טעמפּ אָפּגעקלונגען הײנריכס לעצטע ווערטער.

— דאָס איז דאָך אן איינצלנער פאקט, און נאָך א שלעכטע פיזיאָלאָגיע דערצו...

— פאר מיר אָבער, באגרייף, איז אָט דער איינצלנער פאקט מער אלגעמיין, ווי אלע דיינע כללים. ווארט, וועסט נאָך, אפשר, אמאָל באגרייפן, וואָס אזוינס עס באטייט דער טויט פון א ליבן מענטשן און צי דאָס איז אן איינצלנער פאקט!

— דער אמת איז העכער פארן פערזענלעכן געפיל, — האָט געזאָגט מיכאאיל און איז אנטשוויגן געוואָרן. ער האָט פארשטאנען, אז מיט הײנריכן קען מען איצט אָט דעם שמועס מער ניט פירן.

VIII.

אין צימער איז שטיל געוואָרן. די קינדער האָבן געגאַפּט. זיי האָבן קיין וואָרט ניט פאַרשטאַנען פון דעם אַלעמען, וואָס ס'איז דאָ גערעדט געוואָרן. איינס האָבן זיי אָבער געפילט: דאָס איז קריטיק פון זייער טעאָריע. זיי זיינען געווען זייער דערשלאָגן און אומעטיק.

דאָ האָט כוועדקע, פון וועלכן אַלע האָבן שוין פאַרגעסן, ווידער אַרויסגערוקט די קאָפּ פון אונטערן שוועל פון דער טיר.

— זאָל איך אויסשפּאַנען, צי ניט? — האָט ער געזאָגט מיט אַ זייער טרויעריקן קול.

אָט די אַריינמישונג איז אַלעמען אויסגעקומען זייער גוט צום האַנט.

מיכאַאיל האָט זיך ברייט פונאַנדערגעלאַכט.

— אָהאָ! — האָט ער געזאָגט — אָט האָט זיך נאָך אַ חכם געפונען. לאָמיר איצט מאַכן אַ קליינע אינדוקציע. ווי מיינסטו, כוועדער, וואוהין זיינען מיר עס מיט דיר געפאָרן?

— כ'מיין, ניט ערגעץ־אַנדערש, אָט טאַקע אַהער.

ער האָט אויפמערקזאַם, ניט אָפּרייסנדיק די אויסגעראַטשעטע אויגן געקוקט אויף מיכאַאילן, פונקט ווי ער וואָלט זיך שרעקן פאַר זיינע שפּאַסווערטלעך.

— נו?

— נו, וואָס נו?

— נו, זיינען מיר געקומען אַהער, צי ניט?

— ע, רק איר מאַכט חוזק. וואָס איז דאָ צו פרעגן? קלאָר

— טאָ למאי זאָלן די פערד שטיין אויפן רעגן, געטש איינער?

— אָט... אָט אויך מיין איך אזוי, — האָט זיך כוועדקע דערפרייט. — ס'דערגנט שוין אפילו ניט, נאָר למאי זאָלן די פערד גלאט אזוי שטיין? כ'גיי אויסשפאנען. וואָלט איר דאָך באלד אזוי געזאָגט...

און האָט זיך גיך אָפּגעטראָגן, ווייענדיק העכסט צופרידן.

— נו, און איר אויך... מארש צוריק! — האָט געזאָגט דער טאטע.

— און... און דאָס פיצעלע? — האָט טרויעריק געזאָגט מאשע.

דער בעל-דבר אליין איז געהאט געלעגן אין שלאָפצימער. די מאמע האָט עפעס שטיל א זאָג געטאָן, און אינגיכן איז אריין די אקושערקע מיט א גאנצן פאק שייניקע קלאָרינקע וויקעלעך אויף די הענט.

פון צווישן דעם גאנצן בארג וועש האָט ארויסגעקוקט א קליין קעפּעלע. די ייגעלעך האָבן געקוקט גלייך, סתם אין דער וועלט אריין. אויפן פנימל איז געווען אויסגעגאָסן א מאָדנע ערנסטקייט. אָט דער אויסדרוק מאכט אָפּט די קינדערשע פנימלעך פאר זקנים. די מיידעלע האָט געבעבעצט און זיך געצויגן.

— א בעל-גאווהניצע, — האָט מאשע, אויפהייבנדיק זיך אויף די שפּיץ-פינגער ארויסגעטראָגן איר פסק, איין גאָט ווייס, פארוואָס.

ווען די מאמע וואָלט געווען געזונט, וואָלט זי זיך געוויס דערמאָנט, אז מ'זאָל ברענגען די קינדער די מלבושים. איצט אָבער האָט זיך קיינער אויף זיי ניט ארומגעקוקט, קיינער האָט גאָרניט באמערקט אז די קליינוואַרק שטייט אין די הוילע העמדלעך. שורע איז געהאט געבליבן ביים טאטן אויף די הענט.

ארויסגייענדיק אין קאָרידאָר, איז מאשע גלייך אוועקגעלאָפן אין קינ-דערצימער. די ייִנגלעך אָבער האָבן זיך פארהאלטן. מארק האָט דערזען דורך דער אויסנווייניקסטער טיר, אז לעם שטאל שטייט א קארעטקע, און כוועדקע האָט שוין אויסגעשפאנט די פערד און פירט זיי אונטערן שאָפּע. דאָס האָט אים פארינטערעסירט, און ער איז ארויס אויפן גאניק; וואסיע — נאָך אים.

כוועדקע האָט צוגעבונדן די פערד. דערנאָך האָט זיין ווייסע בורקע א מיניע געטאָן לעם דער קארעטקע. ער האָט ארויסגעשלעפט פון דאָרטן א גרויסן טשעמאָדאן. ארויפשלעפנדיק אים אויפן גאניק און אוועקשטעלנדיק אויפן אויבערשטן טרעפל, האָט ער מיט א נאאיווער היימישקייט, אויף זיין שטייגער, זיך געווענדעט צו מארקן.

— אפשים ביי אייך איז דאָרטן עפעס געבוירן געוואָרן?

— ניט עפעס, נאָר א מיידעלע.

— זאָג איך דאָך. און איבער וואָס האָבן זיך דאָס די פאניטשעס געאמפערט?

— איבער דעם, פארשטייסטו מיר... מיר זאָגן, אז ביי גאָט זיינען דאָ צוויי מלאכים...

— נו־נו, ניט צוויי — א סך, אַ שיין ביסל... ס'פעלט ניט.

– טאקע? און מיכאל זאָגט: גאבריעל־קיינן!

– נאָ־אָ!.. דער יונגער פאניטש האָט שוין אזא טבע; ער וועט דיר אמאָל אזוי ארייננהאקן, אז דו וועסט האָבן צרות לאכן, און צום לאכן!

און כוועדער האָט זיך דעריביי אליין פונאנדערגעלאכט.

די קינדער האָבן דערשפירט צו אים מורא צוטרוי.

– אמת, אז די מלאכים ברענגען עם די קינדער?

— הם... כ'מיין... אז... מ'דארף קלערן, די ווייבער... ניט קיין אנ־דערער... די נשמה, זעסטו, דאָס יע, די נשמה ברענגען טאקע מלאכים. אויף אזוי ווייט זייט איר גערעכט. יע, יאָטן, די נשמה... נו, און איך, יאָטלעך, דארף אוועקטראָגן דעם טשעמאָדאן, אָט וואָס. אָניט וואָלט איך אייך דאָ דאָס אַלץ, ווי געהעריק אויפגעקלערט...

און כוועדקע האָט אַרויפגעוואָרפן צו זיך אויף די פּלייצעס דעם גרויסן טשעמאָדאַן.

די קינדער האָבן זייער געזשאַלעוועט. דאָרטן, אין קאַבינעט, איז זייער טעאַריע, וואָס האָט זיי אין קינדערצימער אויסגעזען אַזוי קלאָר און פאַרשטענדלעך, אַ ביסל פאַרשלייערט געוואָרן. זיי האָבן זיך דערפון דערפילט צעבראָכן און דערשלאָגן. דער קורצער שמועס אָבער מיט כוועדקען האָט ווידער אַלץ אַ סך קלאָרער און פאַרשטענדלעכער געמאַכט.

און ביידע האָבן גלייכצייטיק אַ קוק געטאָן אויפן הימל.

ערשט איצט האָבן זיי באַמערקט, אַז אויפן הויף איז אַלץ אויך משונהדיק, ניט געוויינלעך. קודם-כל, שוין דאָס אַליין, וואָס זיי שטייען דאָ, אויפן גאַניק, באָרוועס און נאַקעט, איצט אין אַזאַ שעה, און עס נעמט זיי דורך אַ קילער פייכטער ווינט. אַחוץ דעם האָבן דאָ און דאָרט אויפן הויף מאָדנע געגלאַנצט די קאַלושעס, אָפּשפּיגלענדיק אין זיך דעם אומגעוויינלעכן, סודותפולן אָפּשיין פון נאַכט הימל. דער סאָד האָט זיך נאָך אַלץ געוויגט, ריכטיק, ווי ער האָט נאָך ניט געקענט אַליין קומען צו זיך פון די אומגעוויינלעכע נאַכטאויפרעגנגען. דער הימל האָט זיך געלייטערט, און דערפאַר האָבן זיך אַלץ בולטער און שאַרפער אויסגעשטעלט די גרויסע שווערע און צעקודלטע וואָלקנס. ס'האָט אויסגעזען, ווי עמיצער וואָלט געהאַט אַדורכגעפלויגן איבערן הימל, האָט אַלץ צעבראָכן, צעוואָרפן, און איצט איז אַזוי שווער געווען אַלץ ווידער צו ברענגען ביז טאָג אין אָרדענונג. אומעטום האָט זיך געלאָזט פילן די איילעניש, אַ דיבער וואָלקן, וואָס האָט זיך אויסגעצויגן ביזן סאַמע מיטן הימל, ווי אַ מוראַדיק לאַנגער זייל, האָט זיך אויף גיך איינגעבויגן, דער זייל האָט זיך צעבראָכן אויף עטלעכע סקיבעס, וואָס האָבן פאַרדעקט אייניקע שטערנס, בעת פון צווישן זיי האָבן שוין דרייסט געוואָונקען אַנדערע. גאַנצע שטיקער, צוואָרפענע דאָ און דאָרט איבערן הימל, האָבן זיך צונויפגעקליבן אויף איין אָרט, זיך באַהעפט אין איין כמאַרע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעזעצט אַלץ מער

און מער אויף אונטן צו; און לויט דעם, ווי די כו ארע פלעגט זיך אראָפּזעצן, פלעגט ווערן אלץ ליכטיקער און ליכטיקער, און מ'האָט שוין געקענט ארויסזען, ווי די זאָסינע אין סאָד בייט זיך פון ווינט, ווייענדיק מיט אירע פון אונטן ווייסע בלעטער.

און די קינדער האָט זיך אויסגעוויזן, אז אויפן הימל, וואָס לייטערט זיך, טראָגט זיך א העלער מלאך, וואָס שפּארט אָן מיט זיינע טונקעלע פליגלען עט ווייט-ווייט, אזש ביז די וואָלקנס.ביידע יינגלעך האָבן געהאט בדעה דאָ טרעפן דעם זון-אויפגאנג, — ס'איז דאָך אזוי אינטערעסאנט — און זיי וואָלטן דאָ נאָך געוויס אָפּגעשטאנען, ווער ווייס, ווי לאנג, ווען די ניאניע זאָל זיך פּלוצלונג ניט כאַפּן. בורטשענדיק איז זי געלאָפן איבערן קאָרידאָר אין א מאָדנעם יאָרש אין מיט א געוואלטיקן אימפעט. ביזן גאניק איז זי אָבער ניט צו; זי האָט זיך אָפּגעשטעלט מיט א דריי טריט פאר דער טיר, אָפּרוקנדיק זיך צום ווענטל, איבערלאָזנדיק בלויז א שמאָלן דורכגאנג פאר די קינדער.

— הא, ניט געדאכט זאָלט איר ווערן! — האָט זי אויסגעשריען. — הולטאיעס, ראבושניקעס! געזען פארקראָכן! קיין כאָלעריע נעמט זיי ניט! א-ריין!

די יינגלעך וואָלטן גערן אויסגעמיטן אָט דעם געפערלעכן אדורכגאנג, נאָר זיי האָבן שוין אליין פארשטאנען, אז די עובדא זייערע איז שוין צו שרייאיק, און די ניאניע האָט פולקום רעכט אויף נקמה. ס'איז געבליבן, על-כן, נאָר פארלאָזן זיך אויף דער פלינקייט.

בעל-מוח איז געווען דער ניאניעס ליבלינג, און כאָטש ער איז געלאָפן דער ערשטער, האָט ער פונדעסטוועגן געקריגן א לייכטן קלעפּל. דערפאר אָבער האָט מארק געכאַפּט א פּאטש, אז ס'האָט אָפּגעקלונגען איבערן גאנצן קאָרידאָר. פונדעסטוועגן, צולויפנדיק ביז א העלפט קאָרידאָר, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גאנץ גלייכגילטיק געזאָגט:

— מיינסט, ס'טוט שטארק וויי? א האָר אויך ניט! ס'איז נאָר געווען הויך!

אין א האלבע שעה ארום האָט זיך אין שטוב אלץ בארואיקט, כמעט ווייס ניט אלע האָבן געשלאָפן.

דער טאטע האָט איצט געקלערט וועגן דעם, אז די הוצאה איז א סך גרעסער געוואָרן און דער געהאלט איז אזוי אויך קוים-קוים. די מאמע האָט אויך געקלערט וועגן דעם. זי האָט געהייסן זיך דערלאנגען דער מיידעלע, האָט געקוקט אויף איר און געוויינט, ווייל זי האָט אליין אויף קלאָר ניט געוואוסט, צי זי דארף זיך פרייען מיטן נייעם לעבן ביי אזעלכע קליינע מיטלען. מיכאאיל האָט אָנגעהויבן צודרעמלען און האָט דורכן דרעמל געקלערט וועגן לעבן, וואָס איז אזוי שיין. היינריך אָבער איז ניט געשלאָפן, ער האָט געקוקט אין דער פינסטער און געקלערט וועגן טויט. וואָס איז ער אזוינס?

נאָר די קינדער האָבן רואיק און שטארק געשלאָפן.

סוף.

פארלאג „דאס בוך" ביאליסטאק.

ס'ערשיינט:

„דאמבי און זון" פון טש. דיקינס — יידיש י. כוואט

„ס א ה א ר א" פון מעטש — יידיש פ. ראקאָווסקי

„ביבלישע מעשהלעך" פון י. פאט

„קוק און פוריי" — יידיש קאמקאווסקי

דאס לעבן פון די חיות — טאָמפסאָן

אַ נייע סעריע קינדער מעשהלעך